STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07926

DER SHTUREMDIKER VEG

Dora Tsheskis-Bon

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָרא
טשעסקיס-באָן

דער שטורעמדיקער וועג

צו מיין טייערן חבר
הערמאן באָן — מיט ליבשאַפט

ארויסגעגעבן פון
דאָרא טשעסקיס-באָן בוך-קאָמיטעט
לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע
1961

Printed in U.S.A.
100

דאַנק־אויסדרוק

איך וויל אויסדריקן מיין האַרציקן דאַנק צו די אַלע, וואָס האָבן מיר געהאָלפן, אַז מיינע לידער זאָלן דערשיינען אין אַ בוך־פאָרם. אין דער ערשטער ריי וויל איך באַדאַנקען מיין איין־און־איינציקער פיל־געליבטער טאָכטער, וועלכע איז געווען די ערשטע מיר צו העלפן פאַר־ווירקלעכן מיין לעבענס־טרוים; אָן איר הילף וואָלט אַפילו ניט געקענט זיין קיין רייד וועגן דרוקן דאָס בוך. מיין גרויסער דאַנק צו מיין געטרייען לעבנס־באַגלייטער, מיין ליבן מאַן און חבר, הערמאַן באַן; צו אַלע מיט־גלידער פון די פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס, פאַר וועלכע איך טרעט אויף מיט פאַרלעזונגען פון מיינע לידער און פּאָעמעס און וועלכע האָבן מיך דערמוטיקט צו שרייבן און צו דרוקן דאָס בוך. אַ דאַנק צו מיין ליבער שוועסטער און טייערן שוואָגער און צו מיין גאַנצער פאַמיליע, וואָס האָבן צוגעלייגט אַ באַהילפיקע האַנט אין דער אַרבעט פאַר מיין בוך. מיין דאַנק גייט אויך צו אַלע מיינע חברים, חברטעס און פריינט, די ספּאָנ־סאָרס, וואָס האָבן מיר געהאָלפן און אויך צוגעזאָגט צו פאַרשפּרייטן דאָס בוך.

איך וויל דאָ אויך באַדאַנקען דעם חבר פוליע טשערנער פאַר זיין אויפמערקזאַמען דורכלייענען, רעדאַגירן און געטרייער צוגרייטונג פון דעם בוך צום דרוק און אויך צו זיין חשובן שותף ל. כאַזאַנאָוו, פאַר זיין קינסטלערישער צייכענונג פאַר דעם שער־בלאַט. צו אייך אַלעמען, מיין טיפסטער און האַרציקסטער דאַנק.

דאָרא טשעסקיס־באַן

ספּאָנסאָרס:

מאקסין און פרעד אויערבאך
ענא אייזנשטיין
דאָרא אדלער
פעני און היימאן זלאטאראָוו
ראוז און בעני טשעסקיס
ווערא יארמאָל
פעני און מאקס מעלאמעדאָוו
ענא און דזשאָ ניסנבוים
פעני סעפּלאָ
בעקי און פרענק עפּשטיין

אייזיק עטלין
סערע און דזשעק פּעראָוויץ
טעדי פרימאן
לינא ראָזין
פּאולין ראבינסאָן
סאָניע רובאק
ליזא און דייוו ראבינאָוויץ
קליוולאנד:
לינא מאכלעס
סאָניע שארינסקי

דאָרא טשעסקיס־באָן

ווען איך וועל שוין ניט זיין

אין דעם גאַנג פונם לעבן,
פון זיין און נישט ווערן —
זוך איך אַ שיין אין אַ שטערן.

מיינע געשריבענע ווערטער,
וואָס רופן פאַר פרייהייט —
זאָל דער ווינט זיי אַוועקטראָגן
אַהין, וואו פרייהייט
איז נאָך טיף באַגראָבן.

זאָל קיינמאָל
ניט אויסגעלאָשן ווערן
די צוואה פון מיין זיין.
שיינען זאָל אייביק
איבער דער פרייהייט
די ליכטיקע שיין.

ווען איך וועל שוין ניט ווערן,
וואָלט איך געוואָלט,
אַז כאָטש אַ פונק
זאָל פון מיר פאַרבלייבן
ערגעץ אין אַ שטערן.

* *
*

צוליב דעם ווידמע איך מיין בוך
צו מיין טאָכטער קלאַרא,
מיין איידעם הענרי,
און מיינע אייניקלעך —
מעקסין, פרעד און באַבי.

אייגן לעבן

דער שטורעמדיקער וועג

אוי ווי שרעקלעך איז דער שטורעם,
און ווי ביטער איז דער ווינט,
וואָס ברעכט און שמעטערט
אַלעס אַצינד!

ביים גאַנג פון מיין שיינעם חלום —
פינצטער דער וועג ווי אין אַ טאָל.
און איך דריי זיך און איך שרעק זיך,
און דער וועג ווערט אַלץ שמאָל און שמאָל.

און דער אָוונט איז ווילד
און פאַרכמאַרעט.
און דאָס האַרץ איז מיט אַנגסט
ווי איבערפילט,
און די וואָלקנס זיי יאָגן דערשראָקן
אין געהיימנים, אין חושך פאַרהילט.

אוי, ווי גרוים און הייליק
איז דאָס פילן,
און ווי שרעקלעך
איז דער שמערץ;
און עס ווייסט נישט דער ווילן,
און דו גייסט און גייסט און קרעכצסט.

אזוי פליען די טעג און יאָרן,
דורך די שטורעמס און ווינטן און פיין;
אזוי טראָגן זיך יאָרן נאָך יאָרן
אין דעם אייביקן גאָרנישט אריין.

געפיל פון אן אַקטריסע

איך בין אן אַקטריסע.
איך שפּיל מיין ראָלע זייער פיין.
אַלע מענטשן דענקען,
אַז איך וויים נישט פון אמתן געוויין.

ווייל מיר וויינען ווען מיר שפּילן;
ווייל מיר וויינען ווען מיר ווילן.
טרערן גיסן זיך איבעראַל,
גלייך ווי וואַסער פון אַ קוואַל.

דאָס איז נישט קיין וואַסער —
דאָס איז מענטשנס טרערן,
און זיי גייען פון דיזעלבע רערן.

ווייל זייער גייסט איז אָנגעשטרענגט,
מיט אַלעמענס ליידן אָנגעווייקט.
יעדנס שלעכטער געמיט,
יעדנס שלעכטער זיט,
איז פאַר זיי אַ געשריי,
איז פאַר זיי אַ וויי.

און ווען זיי שפּילן פאַר אייך
מיט אַזאַ שטאַרקער שפּראַך,
מיט אַ ביטערן געשריי,
מיט אַ שטאַרקן וויי —
דאָס ברענגען זיי אַרויס
די ליידן פון זיך
און פון אייך —
אין אַלגעמיינער שפּראַך.

זיי זיינען די יעניקע,
וואָס לאַכן פאַר אייך;
זיי זיינען די יעניקע,
וואָס לאַכן פון אייך.

די פויערים אונטער צאַריזם

איך בין מיט די פויערים
אויפן פעלד געפאָרן,
זייען ווייץ און קאָרן.

איך האָב וועגן זיי
אַ פּאָעמע אָנגעשריבן,
פון זייער ליידן,
פון זייער טריבן.

איך האָב געזען די פויערים אונטער צאַריזם,
האָבן שווער געאַרבעט און דאָך געזונגען
און געטאַנצט און געשפּרונגען;
כדי די ליידן צו פאַרגעסן,
האָבן זיי דעם ביטערן טראָפּן אַריינגעגאָסן.

און דער קלויסטער מיטן פּאָפּ,
האָט פאַרפינצטערט זייער קאָפּ,
זיי זאָלן נישט לערנען און פאַרשטיין
פון זייער ביטערן געוויין.

זיי האָבן אַ סך קינדער געבאָרן,
זייער אַ סך זיינען שנעל פאַרלאָרן.

זיי פלעגן וויינען און קלאָגן,
און פרעגן ביי גאָט:
פאַרוואָס קומט זיי אַזאַ צאָרן?

פאַרוואָס איז ער בלויז בייז אויף זיי?
און גיט זיי בלויז אַ הויז פון שטרוי,
נאָר ליידן, פינצטער און וויי.

פאַרוואָס האָבן די פּאָמיעשטשיקעס אַלעם—
פון גרויס און קליין;
קינדער — געזונט און שיין;
און אונזערע — אויסגעדאַרט,
בלויז הויט און ביין.
גאָטעניו, מיר קענען
דאָס נישט פאַרשטיין!

איז געקומען צו זיי אַ טאָלסטאָי און גאָרקי,
און האָט זיי געגעבן צו פאַרשטיין,
אַז עס וועט נישט העלפן
בעטן בלויז גאָט אַליין.

זיי דאַרפן אַליין זען און פאַרשטיין,
ווען עס קומט דער פעטער ביין:
צי די וואָס אַרבעטן שווער און ביטער,
צי יענע, וואָס לעבן
בלויז אויף יענעמס געמיט.

נאָך דעם איז געקומען
דאָס וואָרט באָלשעוויק —
פון זייער ביטערן געמיט.

דאָס איבעריקע
קענט איר שוין אליין פאַרשטיין,
וואָס איז געוואָרן פון דעם לאַנד
און די מענטשן,
פאַרוואָס זיי זיינען
געוואָרן האַרט ווי אַ שטיין.

א בריוו פון א מאַן צו זיין פרוי

פאַרוואָס ביסטו שטיל געבליבן?
אויף מיין בריוו קיין ענטפער געגעבן?

איך האָב דיר שוין פיל מאָל געשריבן,
און קיין וואָרט פון דיר געקראָגן.

ענטפער, טייערינקע, ענטפער כאָטש אצינד;
זאָל שטיל בלייבן פאַר אַ וויל מיין וואונד.

איך בעט מיט געוויין צו דיר:
ענטפער, ליבע, ענטפער מיר.

קענסטו מיר זאָגן, וואָס האָט דיך
פון מיר פאַרטראָגן?

ווער וויל דיך פון מיר אוועקנעמען?
מיין האַרץ און נשמה אינגאַנצן פאַרברענען?

אויף א פארם

טייערע מיינע,
וואָס מאַכט איר אַצינד?
ביי אונז איז שוין
שטורעם, שניי און ווינט.

אין הויז איז קאַלט,
פינצטער און וויסט,
און די נשמה —
זי רייסט, וויינט און קלאָגט.

די קינדער —
זיי ליגן אין בעט פאַר קעלט,
פון הונגער און נויט —
גייען זיי פון דער וועלט.

אָבער דאָס איז דאָך גאָרנישט;
עס איז אַ געוויינלעכע זאַך,
ווייל נישט אַלע מאַכן דורך
דעם ביטערן שמאך.

עס איז דאָ גענוג עסן, קליידער און געלט,
אָבער נישט פאַר אונז שקלאַפן
פון דער גאָרער וועלט.

דעם מענטשנ׳ס פאַרלאַנג

פרילינג איז געקומען,
פרילינג איז שוין דאָ,
די זון שיינט שוין וואַרעם,
און די קינדערלעך שפּרינגען צו.

דער שניי איז צעגאַנגען,
די פעלדער ווערן גרין,
די טייכן האָבן זיך צעשפּילט,
און פליסן אַהער און אַהין.

טיר און פענצטער אָפן,
לאָזט דעם פרילינג אריין,
מיט דעם גאָלדענעם גלאַנץ
און מיט דעם וואַרעמען שיין.

פרילינג, פרילינג, שיין אומעטום,
שיין אין די שפּיטאָלן,
וואו מענטשן ליגן ווי שטום.

פרילינג, פרילינג שיין איבעראַל,
דערוואַרעם די שוואַכע מיט דיין וואַרעמען שטראַל.

וואַרעם אוים זייערע וואונדן,
צעוואַרעם זייער האַרץ,
צעוואַרעם זייערע געבליטן,
הייל אוים זייער שמאַרץ.

הייל אַלעמען אוים, הייל זייער וואונד,
שיק זיי אַהיים, שיק זיי געשווינד.

דאָס איז אַ פאַרלאַנג פון אַ מוטער און קינד;
זיי בעטן ביים פרילינג —
ער זאָל היילן דעם פאָטערס וואונד.

מיר דאַרפן ניט זיין קיין בעטלער

ווען איך אימער דאַרפן בעטן
פאַר אַ שטיקעלע גליק?
אַ שטיקל ברויט,
אָןליידן, אָן זאָרגן, אָן נויט?

ווען איך אימער דאַרפן שטרעבן
פאַר אַ שטיבעלע אַ קליינס,
אַ שטיבעלע אַ ריינס?
בענקעלעך צוויי,
און פאַר אונזערע קעפעלעך —
אַביסעלע היי.

נו, פרעג איך אייך:
פאַרלאַנג איך דען פיל,
ווען אלעס איז דאָ
נאָך מער ווי איך וויל?

דאָס וואָס פאַרלאַנגט
יעדער מענטש אַצינד,
וועט ער נישט קריגן —
רעוואָלטירט ער געשווינד.

ווייל ער הויבט אָן פאַרשטיין,
אַז ער דאַרף נישט בעטלען מער,
ווייל אַלעס צו אים געהער.

מיין איבערלעבונג

ווי וואונדערלעך דעם מענטשנס נאַטור.
ער ליידט שרעקלעך פון יעדן שפּור.

און דאָך, — ווען די זון שיינט אויף אים אויף דאָס ניי,
דענקט ער, אַז ער איז ווידער פריי.

פון אַלע זיינע ליידן, צרות און שרעק,
לאָזט ער זיך אין דעם זעלבן טאַנץ אַוועק.

און ווען ער כאַפּט זיך אויף,
דערזעט ער אויף דאָס ניי
דעם זעלבן וועג,
וואָס ער האָט געטאַנצט דערביי.

ווידער פינצטער איבעראַל.
נישטאָ קיין זון, קיין ליכט, קיין שטראַל.

אָ, נאַטור! פאַרוואָס טוסטו דאָס צו מיר?
שטראַלסט אויף מיטאַמאָל,
און אַנטלויפסט אָן אַ שפּור.

איך שטיי איצט פאַר דיר,
ווי אַ קליין קינד,
און בעט זיך ביי דיר,
זאָלסט היילן מיין וואונד.

שיין ווידער אויף מיר
מיט דיינע וואַרעמע שטראַלן;
הייל מיין האַרץ,
ביז איך וועל אין אַנמאַכט פאַלן.

און ווען איך וועל זיך
אויפכאַפּן
פון דעם שלאָף
אויף דאָס ניי,
וועט שוין
דאָס לעבן
זיין פאַרביי.

וואו איז מיין קינד?

ניט דענקט,
אַז איך פיל נישט ווי אַ גוטע מאַמע
און עס טוט מיר נישט וויי.
אַוועקגעלאָזט דאָס קינד פון זיך
אָן געוויין, אָן געשריי.

איך בין נישט ווי יענע מאַמעס;
איך וויין גאָר אינדערשטיל.
איך וויל נישט,
אַז מען זאָל וויסן ווי איך פיל.

און אַזוי גיי איך אַרום גאַנצע טעג,
און קיינער, קיינער דענקט אַצינד,
אַז מיין גאַנצער געדאַנק
איז נאָר וועגן מיין קינד.

און ווען די נאַכט קומט אָן —
אָ, ווי שרעקלעך די נאַכט איז גרויס!
אַלעס, אַלעס קומט אין מיין קאָפּ,
נאָר ביינאַכט אַרויס.

אָט זע איך, ווי זי באָדט זיך,
און די כוואַליעס זיינען גרויס;
און זי שרייט, און זי בעט זיך:
מאַמע, מאַמע, ראַטעווע מיך אַרויס!

און איך זע, ווי זי גייט אַרום זוכן אַרבעט
אין אַזאַ שרעקלעכער צייט;
און די פיסעלעך ווילן מער ניט טראָגן,

און דאָס הערצל טוט ווי.
און מיין האַרץ הויבט אָן צו נאָגן,
און איך כאַפּ זיך אויף מיט אַ געשריי.

און ווען איך כאַפּ זיך אויף און טראַכט:
וואו בין איך אַצינד —
און וואו האָט דער שיקזאַל פאַרטראָגן
מיין איינציק קינד? . . .

מיין לעבן

איך האָב אין ערגעץ
געמאַכט אַ נאָמען,
ווייל דער שטורעם
האָט מיך אַריינגענומען.

אזוי האָט מיך דער ווינט אַרומגעטראָגן
פון איין קוואַרטאַל צו אַ צווייטן באָדן.

פרעגט מיך נישט פאַרוואָס איך בין געלאָפן,
ווייל די געשיכטע איז זייער גרויס —
און עס האָט געטראָפן.

און אַזוי האָט מיך דער ווינט אַרומגעטראָגן,
און דעם בלויען פויגל נישט דעריאָגן.

און איך בין שוין אַלט און צעבראָכן,
נאָך איידער מיינע יאָרן זיינען צוגעקראָכן.

מיין טאַטנס גלויבן

מיין טאַטע, דער רב, האָט מיך געלערנט,
אַז מען דאַרף דעם רבונו של עולם גלויבן —
דאַן וועט מען מיך אין הימל אויפהויבן.

האָב איך טאַקע אין אים געגלויבט,
אָבער נישט ווי מיין טאַטע האָט מיר געהייסן.

ווען איך בין געווען נאָך זייער יונג,
האָב איך געהאַלטן אָפן די אויגן, —
נישט ווי מיין טאַטע —
מיט גאָט איבער זיי פאַרצויגן.

איך האָב איינגעזען,
ווען איך בין עלטער געוואָרן,
אַז מיר אידן מאַכן דורך אַ שרעקלעכן צאָרן.

ווי אַזוי קען מען זיך מען אויף דיר, גאָטעניו, פאַרלאָזן,
ווען האָסט גאַרנים געטאָן,
ווען מען האָט אונז צעשמעטערט און צעבראָכן?
וואו ביסטו געווען?

ווען מיר זיינען פון די שטעט געלאָפן,
ווען די כוליגאַנעם
האָבן אונזערע ברידער און שוועסטער געשטאָכן —
וואו ביסטו געווען?

ווען די דייטשן און פאָליאַקן
האָבן די אידן געברענט און געבראָטן,
זיי האָבן שוין שיעור אַלע אידן אויסגעראָטן —
וואו ביסטו געווען?

איך האָב באַשלאָסן
מער נישט צו וואַרטן פאַר מיין גאָט, דעם רעטער,
איך האָב אליין צעבראָכן די ברעטער,
און דעם האַר א שפּיז אריינגעשטאָכן;
און אויף מיינע הענט און פיס בין איך געקראָכן —
וואו ביסטו געווען?

און די פּאָר מענטשן,
וואָס זענען דאָרט געבליבן,
האָבן נאָך געהאַט מוט,
און מיט זייערע לעצטע כוחות אויסגעשריען:
פאַר דער פרייהייט וועלן מיר לעבן!
אונזער פרייהייט וועלן מיר וועבן!

אַזוי ווי די שפּינען שפּינען און וועבן,
אזוי וועלן מיר
צו אלע פעלקער אונזער פרייהייט איבערגעבן.

דער קרומער וועג

פאַרוואָס גייט די מענטשהייט קרום?
פאַרוואָס נישט גלייך?
אַרבעט שוין טאַקע ביי זיי גאַרנישט דער מאַרך?

אָט שטיצט מען אַ לאַנד
און מען פרואווט דאָס מאַכן גרויס, —
און מיטאַמאָל גיט מען זיך אַ קער איבער,
און מען שמעטערט אַלעס אַרויס.

פאַרוואָס איז דער גאַנג פון דער וועלט אַזוי קרום?
פאַרוואָס קען דאָס נישט זיין גלייך?
איז דער מענטש אַזוי דום, און קען נישט פאַרשטיין,
אַז אַלע מענטשן זיינען גלייך?
עס מאַכט נישט אויס
וואָס פאַר אַ פאָלק און וואָס פאַר אַ שפּראַך.

אוי, ווי דאָס האַרץ בלוטיקט
פון דעם פאַרקרימטן וועלט'ס געדאַנק!
עס מאַכט מיר נישט אויס,
ווער עס פאַרצאמט דעם פּראָגרעס-גאַנג.

זינט מיר געדענקען די וועלט,
גייט זי נישט גלייך,
אָבער אין אָנפאַנג איז זי געווען שוואַך, —
וואָס איז איצט מיט איר מאַרך?

פארוואָס קען דער וועג נישט זיין קיין גלייכער און גרינגער?
פאַרוואָס מוז דאָס זיין
אַ קרומער, אַ שווערער, אַ האַרטער?
און דער לעבן אַ שווערער,
אַ פינצטערער, אַ פאַרשמאַכטער?

פאַרוואָס מאַכן די וויסנשאַפטסלייט
דאָס וואָס שמעטערט?
פאַרוואָס נישט מאַכן אַלעס, וואָס פאַרגעטערט?

פאַרוואָס נישט מאַכן אַלעס בלויז צום לעבן?
און קיינער זאָל נישט שטרעבן
צו שמעטערן אַ צווייטנס לעבן?

יעדער איינער האָט אַ רעכט צו שטרעבן;
יעדער איינער האָט אַ רעכט צו וועבן.
אָבער קיינער דאַרף נישט וועבן פאַר אַ צווייטן;
און קיינער טאָר נישט שטרעבן
צו צעשמעטערן אַ צווייטנס לעבן.

דער קאַמף פאַר פרייהייט

איך בין פינף און פערציק יאָר אין לאַנד.
איך בין אימער נאָכגעגאַנגען
דעם פּראָגרעסיוון גאַנג.

וואו אַ קאַמף, בין איך געווען דאָרט,
איך מיין נישט טאַקע אויפן אָרט;
אָבער מיין נשמה און געדאַנק
זיינען געווען דאָרט.

אָט שטיי איך אויף יוניאָן סקווער
און הער ווי ביל הייוואוד זאָגט:
„אויב מען וועט זיי נישט באַפרייען שנעל,
וועלן מיר אליין עפענען די צעל";
און איך פיל,
ווי מיר שפּאַנען שנעלער ווי עראָפּלאַנען.

און דאָס איז נישט איין מאָל געווען,
ווי מיר האָבן געקעמפט צו דערגרייכן דעם ציל.

און דאַן — וואָס האָט פּאַסירט
מיט מוני און בילינגס;
אַזאַ נידערטרעכטיקע זאַך!
ווער האָט געקענט שטיין שטיל
און נישט לאָזן הערן אייער שפּראַך?

און נאָכדעם: סאַקאָ און וואַנזעטי, —
אומשולדיקע מענטשן צוויי,
אפילו נאָך נישט געקענט די שפּראַך האָבן זיי.

און איצט איז דורכגעגאַנגען אַ סמיט-אַקט ביל,
וואָס מאַטערט יעדן איינעם אָן שום ציל.

מען אַרעסטירט אַרענטלעכע מענטשן,
וואָס קעמפן פאַר איין זאַך:
אַז אַלע מענטשן זיינען גלייך.

טאָ, ווי־זשע טויג דאָס
פאַר אַ קאַפּיטאַליסטישער וועלט,
וואָס גלויבט בלויז אין געלט?!

האָט מען געפּרואווט
דעם מענטשן שרעקן
מיט עקזעקוציע און שטעקן.

עס זיינען טאַקע צוויי אומשולדיקע קרבנות געפאַלן,
און די גאַנצע וועלט דענקט וועגן אונז, ווי קאַניבאַלן.

אָבער נישט שטיל זיינען מיר געבליבן,
ביז גערעכטיקייט וועט האָבן אריבערגעשטיגן.

מיר וועלן די צוויי יתומים איבערצייגן,
אַז זייערע עלטערן זיינען די שענסטע צווייגן.

און די מאַמע וועט נאָך שטאָלצירן,
וואָס האָט געבוירן אַזעלכע מאַרטירער,
און מיר וועלן די „עיטש"־באָמבע אָפּווישן
מיט אונזער פאַרשטאַנד און געווויסן.

דער אמת וועט אַרויסקומען,
אַזוי ווי בוימל אויפן וואַסער;
אַזוי וועלן אַרומשווימען די מוסרים.
קיינער וועט פון זיי נישט וועלן וויסן,
ווייל זיי זיינען מענטשן, אָן פאַרשטאַנד, אָן געווויסן.

איין לייב וועט אַ צווייטן נישט עסן,
אָבער אַ ברודער־מענטש
האָט אַ שוועסטער אויפגעפרעסן.

ביים ים

איך זיץ ביים ים
און זע, ווי די כוואַליעס פליסן,
און ביי די עלטערע מענער
די אויגן געניסן.

אַ שיינע מיידל איז דורכגעגאַנגען,
האָט זיך ביי זיי אַ נייער פאַרלאַנג אָנגעפאַנגען.

איך זע זיי זיצן אויף די בענק
און אויך אויף דעם זאַמד,
און קוקן אויף די מיידלעכס נאַקעטן שפּאַן.

זיי גיבן זיך אַ וויצל, און טראַכטן ביי זיך:
הלוואי וואָלט איך געקענט באַזיצן זי.

און אַזוי ווי ער זיצט און טראַכט,
קומט אָן זיין פרוי טרויעריק און פאַרשמאַכט,
און איר פּנים איז אויסגעדאַרט.

די הענט צעקאָרטשעט, די פּלייצע איינגעבויגן,
ווייל זי האָט אַ סך קינדער דערצויגן.

ער האָט קיינמאָל פאַרבראַכט מיט זיינע קינדער:
דאָס האָט ער געזאָגט — זיינען אירע רינדער.

און איצט באַטראַכט ער איר פיגור און געזיכט,—
עס ווערט אים שלעכט אויף איר צו קוקן,
ער זעט נאָך אַלץ דער שיינער מיידלס בליקן.
טאָ ווי זשע קען ער אויף זיין אייגענער אידענע קוקן?!

מיין פֿאַמיליע

דאָס איז מיין טאָכטער

געפלאַנצט האָב איך אַ בלום,
עס איז ארויסגעקומען גאַנץ שיין,
הויך און ניט שטום.

געפלאַפּלט א סך, ווען זי איז געווען זייער יונג,
און אַזוי אויסגעפלאַפּלט אַ שאַרפן צונג.

אַלס אַן אַרבעטער,
האָב איך איר געצייגט דעם אַרבעטערס לאַגע;
ווען זי וועט אויסוואַקסן
זאָל זי פאַרשטיין די פראַגע.

ווען זי האָט געענדיקט איין יאָר קאַלעדזש,
האָט זי לערנען מער נישט געוואָלט גיין;
זי האָט געוואָלט גיין אין די שעפּער
לערנען דעם אַרבעטערס לאַגע, פאַר זיך אליין.

עס האָט איר נישט גענומען לאַנג
צו זען און פאַרשטיין,
אַז די לאַגע איז טרויעריק —
עס טאָר אַזוי ניט אָנגיין.

מיט דעם פאַרשטאַנד
האָט זי זיך אַריינגעוואָרפן אין שטורעם, —
אין אַרבעטערס געראַנגל.

און דאָס איז אַלעס געווען אין דער שטיל,
פאַרשפּרייט אַ וואָרט דאָ און דאָרט;
און אזוי איז מען זיך צוזאַמענגעקומען
אויף איין אָרט.

דאָרט אין זאַל,
וואו מען איז זיך צוזאַמענגעקומען,
דאָרט איז דאָס וואָרט „יוניאָן" ארויסגעקומען.

דאָס איבעריקע וועל איך לאָזן צו אייך אליין.
דער געדאַנק איז ניט קיין טיפער —
ווער עס קען מיין טאָכטער,
קען דאָס לייכט זען און פאַרשטיין.

מיין קינד

דו ביסט אַוועק אין אַ ווייטער שטרעקע,
און פאַרגעסן אין מיר.

דער מאַמעס האַרץ וויל נישט וויסן —
בענקט און זוכט אימער דיך.

און איך פרעג זיך,
און איך וויל וויסן,
וואָס איז אַזוינס געווען?

פאַרוואָס פילט נישט די ליידן מיין אייגן קינד,
און מאַכט נישט לייכטער דער מאַמעס וואונד?

ווען דער מוטערס האַרץ הענגט אויף אַ האָר,
צאַפּלט דאָס נאָך אַלץ און זוכט אַ שפור,
ווי אַזוי צו העלפן איר קינד —
עס זאָל דעם זיין לייכט און גרינג.

פאַרטיזאַנקע

שלאָף, מיין פייגעלע,
שלאָף, מיין מיידעלע,
שלאָף זשע שנעל איין:
דיין מאַמע איז אַ קעמפּפערין
און קען לעבן דיר נישט זיין.

דער לעבן איז אַ שרעקלעכער,
פול מיט ליידן און וואונד.
טאָ ווי זשע קען אַ מענטש מיט פאַרשטאַנד
בלייבן שטיין אַצינד?

ווען דו, מיין קינד,
וועסט גרעסער ווערן,
וועסטו אַנפאַנגען
זען און פאַרשטיין;
דו וועסט דיין מוטער
נישט פאַרדאַמען,
נאָר איר פאַרגעטערן אליין.

וועסט געווים פאַרשטיין,
אַז אַ מענטש מיט געפילן
קען שטיל נישט שטיין
און מוז מיטן שטראָם גיין.

פאַר דער גלייכהייט און פרייהייט
שטיי איך אין שטורעם אַצינד,
און ווי שנעל מיר וועלן פרייהייט קריגן,
קום איך צו דיר, מיין קינד.

דיין מאַמע וועט נאָך דיר בענקען,
טרוימען אָן אַ שיעור.
און אין מיין געדאַנק וועל איך זיך פאָרשטעלן,
ווי דו ביסט שוין אויך אַ העלדישער מאַרטיר.

טאָ, זיי זשע אַ גוטע מיידעלע.
שלאָף, עס און טרינק.
וואַקס אויס אַ העלדיש קינד.

אַ פּאָעמע צו מיין טאָכטער

טייערע טאָכטער,
איך טראַכט אַצינד,
צי דיינע געפילן
זיינען ווי מיינע צו אַ קינד.

און אויב נישט איצט —
וועלן זיי כאָטש ווערן
ווען דו וועסט עלטער ווערן?

די פראַגע שטעל איך אַצינד,
ווייל איך פיל נאָך אַלץ צו דיר,
ווי דו ביסט אַ קליין קינד.

איך דענק בייטאָג, און טראַכט ביי דער נאַכט,
פאַרוואָס האָט דיין לעבן
אַ בעסערן וועג נישט געמאַכט?

בין איך שולדיק
וואָס איך בין געווען אָרעם און קראַנק,
און דיר נישט געגעבן
וואָס אַ קינד פאַרלאַנגט?

מיין טייער קינד, נישט באַשולדיק מיר,
נאָר די פינצטערע געזעלשאַפט מיט איר מאַניר.

איך האָב געאַרבעט
מער ווי מיינע כוחות האָבן דערלויבט,
און פאַרדינט האָב איך בלויז
אויף אַ שטיקל ברויט.

און דאָס שטיקעלע ברויט האָב איך געגעבן דיר,
און איך האָב געהונגערט אָן אַ שיעור.

טאָ זע, מיין קינד,
אַז דיינע קינדער
זאָלן נישט דורכמאַכן ווי דו.
אָבער ליבע איז אויך נויטיק דערצו.

מיט די ווערטער ענדיק איך,
און איך קום דיר ווינטשן,
צו דיין געבורטסטאָג
נאָך פילע, פילע יאָרן,
אָבער בעסערע יאָרן, גרינגערע יאָרן.
דאָס איז דער וואונטש פון דיין מאַמען!

צו מיין טאָכטער

אוועק אַ יאָר,
נישטאָ פון דעם קיין שפור —
בלויז נאָך אַ פּאָר גרויע האָר.

ווייסט, מיין קינד,
אַז יאָרן גייען,
יאָרן קומען,
אָבער די פאַרגאַנגענע יאָרן
קומען נישט צוריק,
קענסט בלויז כאַפּן
צוריק אויף זיי אַ בליק.

דערפאַר בעט איך דיך,
מיין קינד,
פּאַס אויף אויף דיין געזונט!
אויך נישט פאַרגעס
פון די איבעריקע אין הויז —
פון קליין ביז גרויס.

מיין קינד,
איך קען פון מיינע אַנטלאָפענע יאָרן
אַ סך דערציילן,
ווי אַזוי איך בין מיט זיי
אַרומגעפלויגן.

אָבער איך דענק נישט,
אַז עס איז פאַראַן אַזויפיל פּאַפּיר,
צו באַשרייבן וועגן מיר און דיר.

פרייהייט, מיין פרייהייט

(געווידמעט מיין עלטסטן ברודער)

פרייהייט, מיין פרייהייט,
דו ביסט דאָך
דאָס לעבן ביי מיר.
אויב מען נעמט דיך צו,
נעם שוין די פּאָר יאָר,
וואָס זיינען נאָך
געבליבן ביי מיר.

איך האָב אָוועקגעגעבן
מיינע בעסטע יאָרן
דיך צו קריגן:
אויב איך קען דיך ניט האָבן,
וויל איך מער ניט לעבן.

אָבער איר, רעאַקציאָנערן,
נישט כאַפּט זיך!
ניט אַזוי שנעל
וועט איר פון מיר פּטור ווערן.
אויב איך מוז
פון דער וועלט גיין,
האָב איך דאָך גאָרנישט
וואָס צו פאַרלירן.

וועל איך קעמפן
מיט מיינע לעצטע כוחות,
ביז די פרייהייט
וועט זיך צוריק אומקערן.

איי ניקל מיינס

מיין טייער איי ניקל, פרעד פאל:
צו דיין בר־מצוה קום איך דיר ווינטשן פיל גליק
און דיינע עלטערן זאָלן האָבן פיל נחת אין דיר.
זאָלסט אויסוואַקסן אַ געזונטער, אָרנטלעכער מענטש,
וואָס דיינע עלטערן און באָבע ווילן זען אין דיר.

פּרוביר צו זען אַלע וועגן
און אַלע זייטן.
פאַר גערעכטיקייט
זאָלסטו, מיין קינד, פייטן.

איך גלויב, ווען דו וועסט עלטער ווערן,
וועסט מיך פאַרשטיין
וואָס איך האָב פון דיר פאַרלאַנגט,
אַז דו זאָלסט גיין מיט אַ גלייכן געדאַנק.

נישט זען פאַר זיך בלויז געלט,
נאָר די שיינע נאַטור
מיט אירע מענטשן אויף דער וועלט.

נאָר אַלע אינאיינעם אַרבעטן און שאַפן,
און פאַר אַלע מענטשן דאָס לעבן
גרינגער מאַכן.

מיין קינד:
מענטשן מיט מענטשן
קענען זיך אימער פאַרשטיין —
אויב מען וויל נישט
אַלעם בלויז פאַר זיך אליין.

צו מיין שוועסטערס געבורטסטאָג

ליבע שוועסטער, מאנא ליזא:
טאַקע נישט אַזוי שיין,
ווי יענער געזיכט אליין;
אָבער אינערלעך ריין און שיין,
ווי די בלום אליין.

דערפאַר ביסטו ביי מיר די שענסטע,
שענער ווי חן;
ווייל וואָס טויג חן,
אַז אינערלעך איז נישט שיין?

טייערע שוועסטער,
ווער קען דיך אַזוי גוט ווי איך!
מיר זיינען געווען זעקס שוועסטער,
און איצט זיינען מיר פיר;
אימער ביסטו געווען
די ליבסטע ביי מיר.

איך גלויב נישט,
אַז איך קען די צערטלעכקייט
פון דיין שיינער נשמה באשרייבן.
נאָר אַ קינסטלער קען דאָס אָנצייגן.

איצט קום איך דיר ווינטשן,
זאָלסט נאָך לעבן
פילע געזונטע, פרוכטבאַרע יאָרן,
נאָר אין אַ שענערער וועלט!

צו מיין טייער איינקל, מעקסין

מיין טייערע, ליבע מעקסין!
אַט נישט לאַנג ביסטו געווען קליין;
און די יאָרן זיינען איבערגעלאָפן —
און איצט ביסטו גרויס און שיין.

כאָטש דער שטורעם
פון אונזער געזעלשאַפט
האָט דיין מאַמע אַרומגעטראָגן,

האָט זי מיט אַלע כוחות
דיר אַ גוטע דערציאונג געגעבן.

דו ביסט איצט אַ כלה געוואָרן, —
ווינטש איך דיר גליק און געזונטע, לאַנגע יאָרן.

מיין טייער איינקל!
ווי גליקלעך דיין באָבע פילט זיך אַצינד!
איך וועל דיר ווינטשן:
זאָלסט זיין מיט דיין באַשיצער
גליקלעך און געזונט.

דיין באָבע איז
לעבן דיין וויגעלע געזעסן
און געזונגען אַ לידעלע צו דיר.
אין אירע געדאַנקען
האָט זי בלויז איין זאַך געטראַכט:
עס זאָל אַרויסקומען
אַ פיינער מענטש פון דיר.

שלאָף, מיין פייגעלע,
שלאָף, מיין מיידעלע,
שלאָף זשע שנעל איין.
דיין מאַמע איז אַ קעמפערין
און קען לעבן דיר נישט זיין.

דאָס איז דאָס לידעלע,
וואָס איך האָב געזונגען צו דיר,
און פון מיינע אויגן
זיינען טרערן געפלאָסן אָן אַ שיעור . . .

צו מיין חבר׳ס געבורטסטאָג

מיין טייערער חבר!
היינט ביסטו געוואָרן פינף און זיבעציק יאָר.
דיינע יונגע יאָרן
זיינען פון דער שווערער אַרבעט
אין קאַמף פאַרשוואונדן.
פון ליבע און גליק
האָסטו נישט געוואוסט.
נאָר בלוטיקע וואונדן
האָבן געקאָכט און געבלוטיקט
אין דיין ברוסט.

וויפיל טייכן מיט מענטשנס בלוט
איז פאַרגאָסן געוואָרן
פון דער צייט זינט דו ביסט געבאָרן געוואָרן!

און דער מענטש
איז נאָך נישט געקומען צום ריכטיקן פאַרשטאַנד,
ווי אַזוי צו שאַפן אַ ברידערלעכן פאַרבאַנד.

און די וויסנשאַפטסלייט
מיט זייער גרויסן פאַרשטאַנד
זיצן נאָך אויף דער זעלבער באַנק,
זיצן גאַנצע טעג,
דענקען און טראַכטן
ווי צו שאַפן אַזעלכע זאַכן —
מען זאָל קענען
אַ צווייטע לאַנד צעקראַכן.

און ווען די מיליאָנען מענטשן,
וואָס ווילן אומקומען, —
וועגן דעם טראַכטן זיי גאָרנישט.
זיי האָבן בלויז איין זאַך אין זינען:
ווי אַזוי אַ צווייטע לאַנד זאָל שנעל אומקומען;
דאָס האָבן זיי בלויז אין זינען.

און דו, מיט דיין שוואַכן געזונט,
האַלטסט נאָך אין איין טראַכטן,
ווי אַזוי דעם מענטשנס לעבן
גרינגער מאַכן.

ווען אַלע מענטשן זאָלן דאָס פאַרשטיין,
וואָלטן מיר אַזוי פילליידן
נישט געדאַרפט דורכגיין.

דער צעבראָכענער פוס

טייערער חבר,
דו קענסט ניט ליגן,
ווייל דיינע אויסגעניצטע ביינער טוען דיר וויי;
דו וואָלסט וועלן מיט מענטשן ריידן,
ביסטו נעבעך גאָר אליין.

זינט דו האָסט דיין פוס צעבראָכן,
קענסטו מער ניט לויפן.
און אין דיינע אומשטענדן
קענסטו ניט קיין כוחות קויפן.

דו ליגסט און קוקסט אויף די ווענט,
און פון דיינע אויגן טרערן פליסן;
און דו טראַכסט:
ווען דו האָסט געלט,
וואָלסטו אַפילו איצט קענען
פונם לעבן געניסן.

אָבער ניט געזאָרגט, חבר,
דו וועסט נאָך זיין אַקטיוו און לויפן.
פון אונזערע אָרעמע אומשטענדן,
וועלן מיר דיר כוחות קויפן.

טאָ זיי־זשע פריילעך, טייערער הערמאַן,
דו וועסט זיין שנעל אַהיים צוריק.
און מירביידע
וועלן נאָך האָבן
א סך גליקלעכע פריילעכע טעג.

אין אוניווערסיטעט

(וואו מיין אייניקל קריגט איר „בעטשלאָרס דיגרי")

איך זיץ און קוק אויף איר
און איך טראַכט: וויפיל ליידן
מיר האָבן דורכגעמאַכט,
ביז מיר האָבן דאָס דערגרייכט!

איצט איז זי שוין גרויס און שיין,
און זי האָט אַ טיפן בליק,
און ווייסט שוין אליין וואו צו גיין.

און מיין קאָפּ הייבט זיך אָן דרייען
ווען איך דערמאָן זיך
אין יענער צייט,
פון יענע ווייען.

איך געדענק יענעם טאָג,
יענע נאַכט,
ווען מיין טאָכטער האָט אַ קינד
אויף דער וועלט געבראַכט.

איך האָב געוואוסט וואָס דאָס מיינט.
איך האָב אויך געבוירן אַ קינד,
אין דיזעלבע אומשטענדן,
ווי זי אַצינד.

אָבער ווען מיין אייניקל
איז נאָך געווען קליין,
האָבן אירע עלטערן
איר געגעבן צו פאַרשטיין,
אַז זי זאָל אויפן פּראָגרעסיוון וועג גיין.

טייערע מעקסין!
איך גלויב, אַז איצט
דאַרף איך דיר דאָס נישט זאָגן,
אַז דו זאָלסט נישט
בלויז פאַר זיך יאָגן.

נאָר קעמפן מיט אַלעמען גלייך,
ביז עס וועט זיין
פאַר אַלעמען אַ פרייער שליאַך.

פאַר דער אידייע
האָט דיין באָבע
געקעמפט אַלע יאָרן,
אָבער איצט דאַרפן מיר
שוין ווייט ניט פאָרן.

פריי איך זיך מיט דיר,
און אַלע מיינע פריינט
פרייען זיך מיט מיר.

איצט ווינטש איך דיר,
מיין טייערער איינִיקל, פיל גליק,
און איך האָף, אַז וועסט גיין
אויף דער פרייער בריק.

איצט פלי איך האַסטיק
מיט מיינע טרוימען,
ביז די הימלען,
ביז די רוימען!

קאַלטע מלחמה

די בלוטיקע האַנט

די האַנט וואָס האָט אונז
געברענט און געבראָטן,
האָט מען זי נאָך אַלץ
נישט אויסגעראָטן.

אָבער דאָרט,
אין פרייען לאַנד,
בין איך געווען זיכער,
אַז עס איז פון זיי
קיין שפור נישט געבליבן,
און אַלע מענטשן זיינען זיכער
מיט זייער לעבן.

אָבער צו אונזער גרויסן טרויער,
איז נאָך דאָרט געווען אָפן
פאַר זיי דער טויער,
און מיר ווערן נאָך אַלץ
געטריבן און געשמיסן,
און מיר זוכן נאָך אַלץ
גערעכטיקייט און געוויסן.

אוי, ווי מיין האַרץ בלוטיקט,
און פון מיינע אויגן טרערן פליסן,
אין מיין געדאַנק
דער שטורעם שטורעמט.

איך וויל וויסן:
ווי לאַנג, ווי לאַנג וועט דאָס נעמען,
ביז זיי וועלן קריגן
פאַרשטאַנד און געוויסן?

אָבער מיר וועלן
שטיל נישט בלייבן!
מיר וועלן שטיין אין קאַמף
און זיי איבערצייגן,
ביז מיר וועלן זיי צעברעכן.
נאָר דאַן וועלן מיר
אונזער ציל דערגרייכן.

די קאָנווענשאָן פוןביידע פאַרטייען

די קאָנווענשאָן פון ביידע פאַרטייען —
דער צוגאַנג איז גאָר אַ נייער:
זיי שרייען נישט מער איינער אויפן צווייטן,
און זיי זאָגן אייך צו נאָך בעסערע צייטן.

זיי וועלן מאַכן אייער לעבן גרינג ווי אַ שפּיל,
איר דאַרפט בלויז אָננעמען וואָס זייער פּאַרטיי וויל.
אַזוי ריידן זיי איצט צו אייך —
איר דאַרפט זיי בלויז דערוויילן —
דאַן וועלן זיי שוין ריידן
אַן אַנדער שפּראַך.

זיי דענקען,
אַז אַלע מענטשן האָבן פאַרגעסן
פון זייער ירידה,
וואָס זיי האָבן דורכגעפירט
מיט פיר יאָר צוריק,
ווען זיי האָבן אייך צוגעזאָגט
דעם זעלבן גליק.

איך ווייס וואָס מיר וועלן פון זיי קריגן:
זיי וועלן רייניקן אונזערע מוחות,
זיי ווילן וויסן,
צי „דאָרט"
האָט נישט פאַרנומען
עמיצער זייער אָרט.

איצט זעט איר שוין,
וואָס זיי ווילן טאָן פאַר אייך?
זיי ווילן זייער געדאַנק,
זייער שפּראַך.
טאָ וואָס זשע מאַכט איר
דערפון אַ לאַך,
ווען זיי ווילן מאַכן
מענטשן פון אייך?

די ראָזענבערגס

ווי שרעקלעך עס איז די צייט אַצינד!
פאַרשפּאַרט צוויי מענטשן
אין סינג סינג,
אָן אַ שום זינד.

איר זאָגט דאָך,
אַז דער ריכטער איז אַ איד.
איז דאָס מעגלעך,
ער זאָל זיי שיקן אין גרוב?

גערעכטיקייט קען מען נאָר דאָרט געפינען
ביי מענטשן מיט פאַרשטאַנד און זינען.

איד, קריסט — האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין זינען,
נאָר מענטש מיט געוויסן האָט אַ באַגינען.

און זיי זאָגן,
אַז א איד איז נישט קיין גזלן,
א איד איז נישט קיין המן;
איז ווילט איר אונז זאָגן,
אַז ער איז אַ גוי הפנים!

אָבער מיר איז נישט קיין אונטערשייד,
צי א איד, צי אַ גוי:
דאָס האַרץ טוט ווי אַזוי צי אַזוי.

און זיי זיצן שוין צוויי יאָר,
און דזשאָדזש קאופמאַן רירט זיך ניט אויף קיין האָר.

ער זיצט אויפן ריכטער־שטול
אין זיין שוואַרצן מאַנטל
און דענקט,
אַז נאָר ער קען פּסק'ענען דעם טויט.

טייערע אידן!
איך וויל אייך פרעגן אַ קשיא:
איז נישט פאַראַן אַזאַ דין
אין גמרא, אָדער רשי
אָדער גאָר אין שולחן־ערוך? —
אַלמאַנאַך — אַזאַ זאַך:
אַז א איד
טאָר נישט זאָגן שלעכטס
איינער אויפן צווייטן?
איז דאָך געוויס טאָר מען נישט טויטן!

ווען אַלע אידן
זאָלן פרעגן דזשאָדזש קאופמאַן חשבון און דין:
און איצט נאָך — וואוהין, וואוהין?

ווען מיר, אידן, וואָלטן געהאַט
קלאָרן פאַרשטאַנד און געוויסן,
וואָלטן מיר פון דזשאָדזש קאופמאַן
די מאַסקע אַראָפּגעריסן.

מיר וואָלטן אים מאַכן
די צוויי אומשולדיקע אידישע קינדער צו באפרייען.
נאָר דאן וואָלט ער קענען
זיין לעבן באנייען.

עלטערע מענטשן מיט קינדערשן שכל

עס שפּילט זיך אַ גרופּע אינגעלעך:
זיי שפּילן זיך זייער פיין.
קומען אייזיקל און דאָלעסל
און צעשטערן זייער שפּיל.

ווייל זיי האָבן געהערט,
אז זיי ריידן וועגן יענע אינגעלעך
און זאָגן, אַז זיי זיינען זייער קלוג.
האָט דאָס פאַרדראָסן דאָלעסלען
און ער האָט געגעבן אַ זאָג:

— איר ווייסט נישט וואָס איר רעדט!
שרייט אוים דאָלעסל:

— אייזיקל איז דאָך דער פירער
שרייט אוים איינער פון די פּיאָנערן.
זיצט אָבער אייזיקל זייער שטיל,
— ווייל ער ווייסט
ער וועט ניט אויספירן וואָס ער וויל.

שרייט אוים דאָלעס׳ל מיט זיין אַלטער שטים:
מיר זיינען גרוים, מיר זיינען שטאַרק,
מיר קענען צעשמעטערן די גרעסטע מאַכט.

שטעלט זיך אויף איינער
פון דער „נאַטאָ" גרופּע:
איר זאָגט אונז צו גליקן,
איר קענט פליען אומעטום,
— אָבער ארויפשיסן א לבנה׳לע
דאָס קענט איר נאָך נישט טאָן.

זיצט אייזיקל,
דענקט און טראַכט
און זיין קראַנק הערצעלע
טוט ווי און שמאַכט.
גייט ער זיך אַוועקלייגן,
ווייל ער ווייסט,
אַז ער קאָן מער גאָרניט טאָן;
זאָל דאָלעס'ל זאָגן ליגן פאַר אים.
אויב נישט,
וועלן זיי אויסגעפינען א סך מער,
אַז די וואַזשנע גרופּע
איז גאָר א דורכפאַל
מיט אונזער נעיווי און געווער.

האָט אייזיקל זיך ווידער אוועקגעלייגט.
ער האָט באַשלאָסן דאָס לאָזן צו זיין חבר —
ער קען בלאָפן מער.
אפשר וועט ער ריידן אַזוי לאַנג
ביז ער וועט זיי ארויספירן
אויף אונזער גאַנג.

ליגט אייזיקל און טראַכט
בלויז פון איין זאַך:
ער זאָל קומען אהיים
מיט זיין פולן געדאַנק,
און מיט זיין פולער שפּראַך.

דער קיניג פון שקלאַפן

דער קיניג פון סאַאודי-אַראַביע מיט זיינע פּרינצן,
האָט אין וואַשינגטאָן
נישט געדאַרפט מאַכן אַ סך קונצן.

ווי אַזוי צו קריגן אַ סך געלט
האָבן זיי אפילו נישט געמאַכט קיין מינע.
אונזער פּרעזידענט
האָט גלייך איינגעשטימט מיט אים
און מיט זיין שקלאַפערישער מדינה.

דער קיניג פון שקלאַפן
וויל נישט קיין אידישע סאָלדאַטן
אין זיין מדינה,
האָט ער גלייך געפּועלט
ביים פּרעזידענט
אָן אַ שום מינע.

אונזער פּרעזידענט,
וואָס פּריידיקט
בלויז פרייהייט און פרידן,
האָט ער נאָכגעגעבן דעם קיניג :
זאָל זיין אָן אידן !

איצט קענט איר זען זייער יעדן קער :
אָפּצואווישן פרייהייט —
דאָס איז זייער איינציקער באַגער.

אַמעריקע און דער סאָוועטן-פאַרבאַנד

אונזער סעקרעטאַר אָוו סטייט
שפּילט זיך מיט דער וועלט אָן רחמנות.
עס מאַכט אים נישט אויס
וויפיל עס פאַלן קרבנות.

דאָלעס וויל זיין רייכטום נישט פאַרלירן,
פּרובירט ער אַלע מאַנירן.

איז פליט ער מיט עראָפּלאַנען און באַנען,
ער וויל נישט זיין צוועק צו פאַרזאַמען.

ער דעציילט דעם אַמעריקאַנעם עולם,
אַז דער רוס איז אַ גולם.

אַז ער וועט אַזוי לאַנג פליען אַהין און אַהער,
ביז ער וועט אַהין אריינשמוגלען געווער.

דאַן, אַ דאַן, וועט ער זיי אַלע אָפּווישן,
און מיר וועלן בלייבן פריי ווי אין ים די פישן.

אָבער אָט דער רוס, דער גולם,
קען גאַנץ גוט דעם אַמעריקאַנעם עולם,
און לאָזט זיך נישט געבן קיין פּאַטש,
בלייבט דאָלעס אַ שוואַכער יונגאַטש.

די רוסן האָבן מיר דערציילט אַן אַנעקדאָט:
ווי ס'צייגט אויס,
מאַכן אונז צו שפּאָט.

פליט דאָלעסל ווייטער אהיים, מיט אַ שטאַרקן געוויין.
ער מוז קומען קיין וואַשינגטאָן
און דערציילן די געשיכטע
וואָס מ׳האָט אים דערציילט, —
זאָלן זיי באַשליסן.
צי האָט מען נישט אונז געמיינט.

די גרויסע חיות,
ביז די קליינע,
אלע ווילן זיין די איינע,
און רייסן זיך מיט נעגל און ציין,
ביז עס ווערט צעקראַכט דער לעצטער ביין.

און איצט איז ער דער העלד,
ער באַזיצט איצט די גאַנצע וועלט.

און ער ליגט אויסגעצויגן
מיט זיין פעטן בויך און גרויסע אויגן.
קומט אַ גרעסערער בער
און שלינגט אריין דעם גאַנצן הער.

מיר זיינען נישט פון יענע חיות;
מיר זוכן בלויז שלום־בית.

זיינען מיר, רוסן, געקומען צום באַשלוס,
אייך, אַמעריקאַנער,
איבערשיקן אָט דעם גרוס:
אַז מיר אַלע קענען לעבן ווי איינער,
און געניסן אַלעם אין אַ וועלט אַ שיינער.

דאָלעסעס פרידן

מיר לעבן אין אַ צייט,
ווען עס האָט זיך
נאָר וואָס איינגעשטילט דער וואולקאַן,
אָבער מיר וויסן נישט,
ווי לאַנג עס וועט נעמען,
ביז עס וועט אַרויסשיסן
די „עיטש״-באָמבע.

עס איז געווען אַ קאָנפערענץ
פון פיר גרויסע צווייגן.
יעדער איינער האָט געוואָלט
זיינע פרינציפּן איבערצייגן.

האָבן די רוסישע זיי אָנגעצייגט,
אַז זיי האָבן נישט קיין פּרינציפּן;
האָבן זיי זיך אָנגעצונדן
און אַוועקגעפלויגן מיט די „דזשיפּן״.

דאָלעס קען נישט זיצן שטיל,
עס טראָגט אים אונטער:
פאַרוואָס די רוסישע האָט מען אַנערקענט
דאָרט, וואו מיר האָבן אַזויפיל געלט פאַרברענט.

די רוסן זיינען ביי אים
גוטע מענטשן, ווען ער פירט אויס,
וואָס ער וויל.
אויב פאַרקערט —
רעדט ער שוין מער נישט אין דער שטיל.

דאן שטעלט ער אָן אַלע הינט,
און מיר פילן שוין דעם שטורעם,
דעם שרעקלעכן ווינט.

און אַזוי גייט אָן
די קאָנוואולסיע אויף דער וועלט.
זיי ווילן גאָר שטיל נישט בלייבן.
אָבער איך האָף, אַז עס וועט נישט נעמען לאַנג —
פרייהייט וועט איבערשטייגן.

דער פינצטערער געוויסן

מיט זייער פינצטערן געוויסן
שוין ווידער דעם סם פאַרשפּרייט,
און איבער דער גאַנצער וועלט,
נייע קרבנות פאַרזייט.

לאָמיר זיי אָנצייגן,
אַז דאָס פייער איז אויך פאַר זיי;
אויב זיי ווילן נישט ברענען,
זאָלן זיי אָפּשטעלן די פינצטערע קאַנאָנען.

לאָמיר זיך פאַראייניקן מיט אַלע שיכטן
און באַקעמפן די ביטערע שלאַנג,
נישט לאָזן איר ווייטער גיין
מיט איר ביטערן סם
אין איר פינצטערן גאַנג.

לאָמיר אַראָפּרייסן זייערע מאַסקעס,
זאָל יעדערער זען זייער פינצטערן געזיכט;
נאָר דאַן וועלן מיר זיי קענען צעשמעטערן
און אָנצינדן אונזער פרייהייט ליכט.

נאָר דאַן וועלן מיר זיך קענען פרייען
און די גאַנצע וועלט באַנייען.
נאָר דאַן וועלן מיר
קענען עסן און טרינקען
די פרוכט פון אונזער מי.
אין די וועלדער, אין די פעלדער
בליען וועט אַלעם דאָרט.
דאַן, נאָר דאַן, וועלן מיר געניסן,
וואו מיר זאָלן נישט זיין —
אונזער פרוכט, אונזער וויין!

די זשענעווער קאָנפערענץ

אין זשענעווע ביים טיש,
זיצן דאָרט די גרויסע „פיש״,
און זיי רעדן פון דער „עיטש״-באָמבע,
וואָס האָט געמאַכט אזא שרעקלעכן פּאָגראָם.

און זיי זיצן, ריידן
וועגן נוקלעארע אויפרייסן,
און טרינקען דערביי אַביסל שנאַפּס.
און ווען איינער שלאָגט עפּעס פאָר,
ווערט דער צווייטער גלייך אין כעס.

אָפּצושטעלן נוקלעארע פּראָבע-אויפרייס —
דאָס איז געווען איצטיקער פּלאַן.

ווי אזוי אָפּצושטעלן? —
דאָס איז אַן אַנדער זאַך.
אויף דעם אַרבעט שוין ביי זיי
גאָרנישט דער מוח.

זיצט דער רוסישער און טראַכט,
זיצט דער אַמעריקאַנער און לאַכט,
זיצט דער אַמעריקאַנער פאַרטראַכט,
זיצט דער רוסישער און לאַכט.

שרייט אוים איינער פון אַמעריקע:
מיר וועלן נישט טאָן,
וואָס איר פאַרלאַנגט! —
קען די גאַנצע וועלט
אונטערגיין אפילו היינט.

זאָגט דער צווייטער מיט א שמוך:
אויב איר וועט נישט טאָן
ווי מיר זאָגן,
וועט סיי ווי די וועלט
נישט איבערטראָגן.

ווען וואָס זיי זיינען אהין געקומען,
האָבן זיי שוין אינגאַנצן פאַרגעסן.
זיי פאַנגען שוין ווידער אָן
זיך צו דינגען און וועטן.

דערפאַר דאַרפן מיר זיי דערמאָנען,
אַז מיר שטייען אויך אין די קאָנען!

זיינען זיי — די גרויסע דיפּלאָמאַטן
פון אונזער גרויסער וועלט,
וואָס פאַרמאָגן אַזאַ מוח,
וואָס קען נישט דענקען און זען גלייך —
איז טאַקע ווי דער פויער זאָגט:
„באָלשאָיע קאַפּוסטאָ,
אַ וסיערעדיניע פּוסטאָ" . . .

מיר באַגלייטן דאָס אַלטע יאָר

מיר באַגלייטן היינטיקן יאָר,
דעם פינצטערן, דעם וויסטן,
מיט די אַנטלאָפענע קיניגן
און די דיקטאַטאָרס, פאַשיסטן.

מיר בעטן דיך, גאָטעניו,
נעם צו דאָס אַלטע יאָר
מיט זיינע פינצטערע שלעק.
אָבער ברענג אונז ניט צוריק
דאָס נייע יאָר,
מיט נייע צרות
און די אַלטע שרעק.

פרעג איך דיך, גאָטעניו:
האָט דאָס אַ זינען?
מען פאַרסמט די גאַנצע וועלט,
ווייל מען דענקט, אַז מען וועט פאַר זיך
אַלעם געווינען.
און עס אַרט זיי נישט
אפילו פארן נייעם דור,
וואָס וועט ערשט קומען.

איך פרעג ביי דיר:
זיינען מיר נישט באַרעכטיקט
צו אַ בעסערער צייט?
און אַלע מענטשן זאָלן זיין פריי.
און מיר זאָלן מער נישט הערן
דעם געוואלד און שיסעריי.

פֿאַרלאַנגען דען מיר א סך?
גיב וועגן דעם אַ טראַכט.
אויב נישט —
וועלן מיר איבערנעמען
די גאַנצע מאַכט.

און אַלע מלאכים און דיינע קיניגן
וועלן גיין מיט דיר,
ווייל זיי האָבן דיך געמאַכט
פֿאַר א גרויסן מאַרטיר.

איך וועל זאָגן די ווערטער,
וואָס בענדזשאמין פֿרענקלין האָט געזאָגט
מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק:
„גיב גאָט, אַז נישט בלויז די ליבע פֿרייהייט,
נאָר גרינטלעכע קענטעניש
פֿאַר די רעכט פֿון אַלע מענטשן,
און אַלע לענדער אויף דער וועלט”. —
איז נישט דאָס וואָס מיר פֿאַרלאַנגען נאָך איצט?!

די קאַפּיטאַליסטן פאַרלירן אַ גרויסן העלד

די קאַפּיטאַליסטישע וועלט
פאַרלירט איצט אַ גרויסן העלד,
וואָס האָט געשפּילט אויף דער בינע
פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער אַרענע.

ער האָט געשפּאַנט איבער דער וועלט
און האָט פאַרסמט די מענטשן
מיט דעם פאַרבלוטיקטן געלט.

די נאַציסטן, היטלעריסטן,
האָבן ביי אים אויסגעקוקט
ווי אַ קינדער־שפּיל.
ער האָט אָנגעצייגט וואָס ער וויל —
נישט היטלעריזם איבער אַלעס,
נאָר גרויסע קאַרטעלס
מיט דאָלעס איבער אַלעם.

אָט אַזוי איז ער געפלויגן
מיט פאַרמאַכטע אויגן
אין זיינע באַנען, עראָפּלאַנען;
ער האָט געוואָלט
די גאַנצע וועלט פאַרסמן.

ער האָט בלויז געזען איין זאך:
עס מוז זיין אָרעם און רייך,
ווייל ער קען נישט דענקען גלייך.

זיין גאַנג איז געווען אַ פאַרדרייטער,
זיינע געדאַנקען — פינצטערע, געזונקענע,
און איצט וועט אים די ערד פאַרדעקן.

אָבער די באוואוסטזיניקע מענטשן
וועלן אים ניט פאַרגעסן,
אַזוי ווי מיר האָבן נישט פאַרגעסן אַלע שונאים,
וואָס האלטן צוריק דעם פראָגרעס אין דער וועלט.

כרושטשעוו אין אַמעריקע

די באַגעגעניש פון כרושטשעוון מיט אייזענהאוער
איז אין איצטיקן מאָמענט
זייער אַ וויכטיקע זאַך,
ווייל די רעאַקציאָנערן
זוכן צו פאַרשטעלן
דעם פרידן-שליאַך.

איצט זעען מיר און הערן כרושטשעוון
און ער בעט, אַז מען זאָל אים פאַרשטיין,
אַז אַלע מוזן איצט איינזען,
אַז מיר מוזן אָנפאַנגען
אויפן גלייכן וועג צו גיין.

און ניט זיין פארסמט
מיט די פינצטערע געדאַנקען,
אַז מיר זיינען שטאַרק —
מיר קענען צעברעכן די גרעסטע מאַכט.

אויב איר לייענט די וויסנשאַפט-סטאַטיסטיק —
וועלן מיר צוזאַמען
צעשמעטערן די גאַנצע וועלט;
דאַן וועט שוין ניט זיין
די פראַגע פון מאַרקעטס
און ווער ס׳וועט מאַכן מער געלט,
ווייל פאַרניכטעט
וועט זיין די גאַנצע וועלט.

כאָטש מיר גייען אויף אַן אַנדער וועג,
דאָך קענען מיר זיך פאַרשטיין
און מאַכן דאָס לעבן גרינגער,
און נישט לאָזן די גאַנצע וועלט אונטערגיין.

איז גיב, ברודער, דיין האַנט,
און לאָמיר ווערן גוטע פריינט,
און מאַכן שלום,
און בעסער לעבן היינט.

אָט אזוי האָט גערעדט דער „מוזשיק״,
וואָס וויסט ניט פון קיין פרייהייט...
וואָס הויבט ניט אָן פאַרשטיין...
און דאָך פאַרשטייט ער:
אויב מיר שליסן ניט קיין שלום,
וועט די גאַנצע וועלט אונטערגיין.

אויב דאָס איז די לאָגיק פון אַ מוזשיק,
קענען מיר שוין אויך ווערן מוזשיקעס
און פאַרשטיין ווי ער.
דאַן וועלן מיר האָבן אַ בעסערע וועלט
אָן קיניגן, אָן מיליטער.

די נייע לבנה

טייערע מענטשן,
איצט דאַרפן מיר זיך פרייען.
די סאָוועטן האָבן דערפונדן אַ לבנה,
וואָס וועט די גאַנצע וועלט באַפרייען.

גענוג האָט דער סאָוועטישער מענטש
פון זיין לעבן אַוועקגעגעבן,
כדי אַלע מענטשן
צו אַ העכערער שטופע דערהויבן.

איצט האָבן זיי דערגרייכט די לבנה.
שיינען, שיינען וועט זי בלויז
אויפן אַרבעטערס פנים.

ווייל זייער לעבן איז אַ ריינער,
און מאָראַליש געווים אַ שיינער,
נישט פאַרשקלאַפט האָבן זיי קיינעם,
פאַר אַ וועלט פון שלום און פרידן,
און קיינער זאָל מער נישט ליידן.

און איצט מיט זייערע בלוטיקע הענט
און פאַרדאָרבענע נשמות,
וואָס מאַטערן אַלעמען אָן רחמנות, —
ווילן זיי ווערן אַ שותף,
נישט צו געבן, נאָר צו נעמען,
כדי זיי זאָלן קענען
ווייטער יענעם ברענען.

האָבן די סאָוועטישע מענטשן זיי געענטפערט:

מיר ווילן אייך
אונזער לבנה'לע פאַרטרויען
נאָר דאַן,
ווען איר וועט א פרייע וועלט
אָנפאַנגען צו בויען.

אַ וועלט פאַר אַלעמען,
ניט בלויז פאַר איינעם;
דאַן ווילן אונזערע לבנה'לעך
די גאַנצע וועלט באַשיינען.

מיר זיינען אריין אין אַ בלאָטע

ווער עס האָט געהערט דעם פּרעזידענט ריידן,
האָט געקענט פאַרשטיין,
פאַרוואָס מיר האָבן געדאַרפט
אין לבנון גיין.

דאָס איז אַלץ צוליב סעקרעטאַר דאַלעס,
וואָס וויל טאָן פאַר מיטל-מזרח אַלעס.

ווייל ער האָט אין מוח אַ קנויל,
וואָס זעט בלויז פאַר זיך אויל.

איי די מענטשן בעטן אונז:
„טוט אונז ניט קיין טובות!
מיר ווילן ניט האָבן
אויף זיך קיין חובות!"

אָבער אַזוי ווי מיר פאַרשטייען אַ געשעפט,
ווען מיר זיי צייגן ווער עס איז גערעכט.

כדי די רויטע זאָלן זיי ניט אויסנוצן,
זיינען מיר געקומען זיי דאָרטן באַשיצן.

האָבן מיר אריינגעשיקט מאַרינען מיט דער פלאָטע,
און זיי אריינגעזעצט דאָרט אין אַ בלאָטע.

און די מאָסקיטאָס זיינען שרעקלעך,
די מאַרינען ליגן און קראַצן זיך
אויף זייערע שמוציקע בעטלעך.

וואָלטן זיי כאָטש געקענט זען אַ פּאָר מיידלעך
מיט זייערע שוואַרצע אייגלעך,
וואָלטן זיי געהאַט פון וואָס צו טרוימען.

אָבער אָט־די מיידלעך מיט די שוואַרצע אייגלעך
ווילן מיט זיי גאָרניט האָבן צו טאָן,
און זיי שרייען נאָך:
„יו אַמעריקענס, בעטהער גאָ האָום"!

אין מיטן דער נאַכט —
אַ שאָס, א קראַך!
און ביז מיר קוקן זיך ארום —
זיי זיינען שוין ווייט אין טייך.

איצט איז די פראַגע:
ווי אַזוי ארוים מיט גאַנצע ביינער
און עס זאָל בלייבן,
אַז מיר זיינען גערעכט,
און קיינער זאָל נישט זאָגן,
אַז מיר האָבן געהאַנדלט שלעכט.

טאָ פאַרוואָס זענט איר אהין געקראָכן?
דאָס איז אַ מיליטערישער סעקרעט!
דאָס וועלן מיר אייך נישט דערציילן.
מיר האָבן געדענקט: —
מיר וועלן ביי זיי פועלן.

אַ בריוול פון מיין זון פון דער מלחמה

ניַשט זאָרג זיך, טייערע מאַמע.
איך בין נישט אליין:
מיר זיינען אין די מיליאָנען
פאַרבונדן, ווי פלייש און ביין.

פאַל איך אין שלאַכט,
מאַמעניו, נישט וויין,
נישט איין טרער זאָל פאַרלוירן גיין.

ווייל נישט קיין טרערן זיינען מאַרטירער,
נאָר אַזעלכע זין ווי דיינע,
וואָס שטייען אין שלאַכט,
און עס שרעקט זיי נישט
פאַר זייער שמאַך.

און ווען זיי פאַלן,
פאַלן זיי מיט אַ שמוך,
און מורמלען מיט די ליפּן:
ברידער, גייט מיר אַדורך.

נישט איך און דו
שטייען איצט אין קאָן,
נאָר דערגרייכן מוזן מיר
אונזער פרייהייטס-פאָן.

זעסטו, טייערע מאַמעניו,
אז איצט איז נישט די צייט
פאַר קרעכצן און וויינען;
וואָס מיר מוזן איצט —
איז דערשלאָגן דעם שונא.

טייערע מאַמע,
נישט איין מינוט זיי שטיל!
דערקלער אַלע מאַמעס דעם וויכטיקן ציל.

פאַרלאַנגט אַ צווייטן פראָנט,
און זאַמלט געלט.
נאָר דורך אַזעלכע מאַמעס
קען קומען שנעל
די באפרייאונג אויף דער וועלט.

זיי מיר געזונט,
מיין טייערע, ליבע מאַמע.
איך שיק דיר אַ קוש
מיט פייערדיקע פלאַמען.

אונזערע מיליטערישע קעפּ

ווען איינער פון די גרויסע קעפּ,
וואָס ווערט געטראָגן אויף די ברייטע אַקסל,
וואָס האָט נישט קיין מוח,
באַשליסט, אַז עס איז שוין צייט
אָנצופאַנגען שפּילן שאַך . . .
דאַן פאַלט אויף אונז
דער גרויסער קראַך.

נישט פאַלן וועט ער,
דער גרויסער הער,
נאָר די ארמיי מיט איר געווער:
איך און אונזערע קינדער,
זיינען דאָס מיליטער.

איז געקומען די יוגנט קיין וואַרשע

צוזאַמען איז געקומען די יוגנט פון איבעראַל,
צו באַטראַכטן דעם קרבן פון קאַפּיטאַל.

און דאָס איז געווען אין דער צייט,
ווען עס האָבן שוין אַרויסגעוואַקסן בלומען
פון די מענטשן, וואָס זיינען דאָרט אומגעקומען.

ווען די יוגנט איז אָנגעקומען קיין וואַרשע,
האָבן די עטלעכע אַלטע מענטשן זיך געפרייט,
און האָבן אָנגעצייגט אויף די בלומען,
וואָס וואַקסן שוין אויף דעם בייט.

עס איז אמת —
מיר זיינען גענוג דורכגעגאַנגען;
אַלע אונזערע ליבסטע אויפגעהאַנגען.

די יוגנט האָט אַלעם אויסגעהערט,
און אין זייער געדאַנק,
האָבן זיי אַלע ווי איינער שלום געמאַכט.

און זיי האָבן באַשלאָסן אַלע אינאיינעם,
מיט אַלע זייערע כוחות
אָפּצוואוווערן אַזעלכע פאַרברעכנס.

און נאָכדעם האָבן אַלע געטאַנצט אין איין רינג,
און געגעבן זיך אַ שבועה,
אַז זיי וועלן אַלע ווי איינער
קעמפן מיט זייער כוח און ביינער
ניט דערלאָזן מער צו אַזאַ זאַך,
וואָס עס קען אַפילו נישט באַגרייפן
דער גרעסטער מוח.

די עיטש באָמבע

דער וואָס האָט געשאַפן די עיטש באָמבע,
איז דערנאָך דורכגעגאַנגען אַ סך.
ער האָט פריער ניט איינגעזען,
וואָס דאָס וועט מיינען
פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער זאַך.

איצט, ווען די וויסנשאַפטסלייט פּראָטעסטירן,
וויל די רעגירונג דערפון גאָרניט הערן.
הערט וואָס זיי זאָגן:

די „עיטש״-באָמבע —
מיר מוזן זי האָבן,
מיר טאָרן זי ניט אַראָפּנעמען
פון אונזער וואָגן.
עס גיט אונז שטאַרקייט —
מיר מוזן זי האָבן;
מיר קענען זיי באַגראָבן,
ווען זיי זאָלן זי נאָר ניט האָבן.

אָבער ניט געשראָקן,
מיר וועלן זי ביי זיי אַרויסקריגן
מיט אונזער וועג, מיט אונזער ליגן.

דערווייל לאָמיר האַלטן אין איין ריידן,
אַז מיר ווילן די „עיטש״-באָמבע אָפּשטעלן,
און מיר וועלן נאָך גרעסערע מאַכן,
ביז מיר וועלן זיי איינגאַנצן צעקראַכן.

און אונזער פּרעזידענט
האַלט אין איין אָנקווועלן
פון די געשיכטעס,
וואָס זיי אַלעמען דערציילן.

און ער זיצט אויפן פאַרם
און לאָזט דאָס אינגאַנצן
צו די מיליטער־לייט,
וואָס האָבן ניט
קיין מענטשלעכע געפילן;
ביי זיי איז דאָס אַ מיליטער־שפּיל,
צו צייגן, אַז מיר האָבן די מאַכט,
מיר באַזיצן די גאַנצע קראַפט.

דאַן וועלן מיר די מענטשן
ניט לאָזן דערוואַכן:
די מעקסיקאַנער, אַפריקאַנער,
נאָך מער פאַרשקלאַפן;
און אויב מיר קענען דאָס ניט האָבן,
וועלן מיר די גאַנצע וועלט באַגראָבן.

אָט אַזוי שפּילן זיי זיך מיטן פייער:
דער מענטש איז ביי זיי גאָרניט טייער.
אָבער ביי אונז איז יעדער מענטש אַ בריליאַנט,
עס מאַכט נישט אויס
פון וואַנעט ער שטאַמט.

אָבער איך וויל אייך אַ געשיכטע דערציילן,
וואָס עס איז נישט צום לאַכן,
ווייל איטלעכער האָט געוואָלט,
אַז זיינע מענטשן זאָלן אַזוי טראַכטן.

אָבער ווי איך זע,
וואָס עס וועט פּאַסירן מיט דער „עיטש"-באָמבע
איז ווי דער חלום פונם פויער:
ניט קיין גאָלדן פישל,
ניט קיין שיינע שטוב,
נאָר געבליבן איז ער
אין זיין פינצטערער גרוב.

די אַטאָמישע באָמבע

היראָשימאַ, נאַגאַסאַקי, —
צוויי וואונדערבאַרע שטעט!
איז אַמעריקע געקומען
און געמאַכט פון זיי אַ סקעלעט.

היראָשימאַ, נאַגאַסאַקי —
אָרעמע מענטשן דאָרט;
זיי וועלן ניט פאַרגעסן
דאָס באָמבע-וואָרט.

מען טאָר עס פאַר זיי ניט זאָגן,
זיי ווערן פאַרצאָרנט און דערשלאָגן.

ווייל דאָס וואָרט
האָט צעשמעטערט אַלע מענטשן,
רואינירט אַלעמען,
ניט דורכגעלאָזט קיינעם.

ביי איינעם די פיס,
ביים צווייטן א האַנט,
און די גרעסטע צאָל מענטשן
איז געבליבן אָן פאַרשטאַנד.

מ'האָט געבראַכט די יאַפּאַנעזער מיידלעך,
זייערע געזיכטער צו פאַרריכטן,
אָבער פאַר זייערע צעשמעטערטע נשמות,
וועלן ניט העלפן אונזערע מתנות.

אוי, מערדער, אָן רחמנות,
איר קענט זיי ניט געבן קיין נייע נשמות!
און די געזיכטער קענט איר ניט פאַרריכטן.

איר בעסער זעט,
אַז אַלע מענטשן א בעסער לעבן זאָלן האָבן,
אַז די וועלט זאָל זיך פאַראייניקן,
און איינער דעם צווייטן זאָל ניט באַגראָבן.

מיין רוף צו די פרויען

צו אייך, פרויען,
בין איך געקומען רעדן.
מיר טאָרן מער קיין צייט נישט פאַרלירן.
מיר מוזן אָנפאַנגען רעאַגירן,
אויב מיר ווילן אונזערע קינדער נישט פאַרלירן,
און די גאַנצע וועלט רואינירן.

פרויען, זיצט נישט שטיל,
הויבט אָן רעאַגירן,
פאַרנעמט אַלע הויכע שטולן.

מיר זיינען מיט אַ העכערן פאַרשטאַנד געבוירן;
מיר ווען קעמפן,
נישט לאָזן די וועלט פאַרלוירן.

מיר זיינען געבענטשט
מיט פאַרשטאַנד און געווסן,
מיר וועלן מאַכן א וועלט,
וואָס וועט זיין שטאַרק —
און אַלע וועלן געניסן.

אַ געבעט צום רבונו של עולם

אין דעם יאָר ניינצן זיבן און פופציק,
פאַרלאַנג איך פון דיר, גאָטעניו,
גאָר ניט קיין סך:
עס איז שוין לאַנג צייט,
אַז אַלע מענטשן זאָלן זיין גלייך!
נו, זעסטו, גאָטעניו,
אַז איך פאַרלאַנג ניט קיין סך.

און איצט וועגן לאָרדן:
ווי קענסטו צוזען,
ווי די ענגלישע און אַנדערע לאָרדן,
וואָס נעמען אַלעס צו
פון די קליינע פעלקער;
אַלעס וואָס יענע פאַרמאָגן,
ווילן זיי פאַר זייערע פּרינצעסינס;
זיי אַרט ניט אפילו די גאַנצע וועלט צו באַגראָבן!

און מיר, אַמעריקאַנער, דענקען,
אַז מיר קענען אַלעס טאָן:
מיר דאַרפן קיינעם ניט פרעגן,
ווייל מיר זיינען די שטאַרקסטע אויף דער וועלט —
מיר קענען אַלעמען באַזיגן.

נו, פרעג איך דיך, גאָטעניו,
פאַרוואָס זאָלן געוויסע מענטשן
וועלן אַלעס האָבן,

און עס זאָל זיי ניט אַרן,
וואָס די איבעריקע מענטשן דאַרפֿן זיך פּלאָגן.
און זיי זיינען אַפּילו גרייט
די גאַנצע וועלט צו באַגראָבן.

האָט דער רבונו של עולם געזאָגט:
איר קעמפּט און איך וועל אייך העלפֿן.

דער פֿאַרלאַנג פֿון די מוטערס

צו אייך, וויסנשאַפֿטסלייט,
רעד איך אינאיינעם:
איר זאָלט ניט צעשמעטערן קיינעם.

פֿאַראייניקט זיך אַלע איבער דער גאַנצער וועלט,
און זאָגט זיי,
אַז איר אַרבעט ניט פֿאַר קיין געלט.
איצט ווילט איר בלויז דערגרייכן,
צו באַפֿרייען די גאַנצע וועלט.

זאָגט זיי,
אַז איר וועט די שמוציקע אַרבעט
פֿאַר זיי מער ניט טאָן —
צו הרגענען מענטשן אומעטום.

פֿון דער גאָרער וועלט פֿאַרלאַנגען די מאַמעס
אָפּצושטעלן די שרעקלעכע דראַמעס.

אויב ניט איר —
וועלן מיר אָפּשטעלן די גאַנצע וועלט:
ניט געבוירן מער קיין קינדער,
אַז זיי זאָלן זיין קאַנאָנען-צינדער.

דאָס האָט געשריבן אַ מוטער
מיט בלוטיקע טרערן,
אַז זי וועט ניט דערלאָזן
אירע קינדער צו פאַרצערן.

איר, וויסנשאַפטסלייט,
אויב איר ווילט אייער ציל דערגרייכן,
זעט צו בויען און ניט צעברעכן.

איר בעסער זעט,
אַז די מענטשן זאָלן אַ בעסער לעבן האָבן;
אַז די וועלט זאָל זיך פאַראייניקן,
און איינער דעם צווייטן זאָל ניט באַגראָבן.

זעט צו היילן און ניט פאַרוואונדן;
זעט צו בויען און ניט צו צינדן.

מיינע ברידער

די גערעכטיקייט אין מיסיסיפי

(אויפן טויט פון עמעט טיל)

דער מוטערס הארץ יאָמערט און קלאָגט,
וואָס האָט צו איר געטראָפן:
די ווייסע האָבן איר קינד
לעבעדיקערהייט
אין וואַסער אריינגעוואָרפן.

ביז מען דערציט אַ קינד צו פערצן יאָר —
קומט אַ ווייסער שווארץ־יאָר
און הרגעט אים אַוועק,
ווייל ער האָט געהאַט אַ חוצפה,
צו קוקן אויף אַ ווייסן פאָרטרעט.

און די מאַמע וויינט און קלאָגט;
זי פאָדערט גערעכטיקייט פאַר איר קינדס בלוט.

און דאָס האָט פּאַסירט אין א פרייער מדינה;
אַ דעמאָקראַטיש לאַנד,
וואָס שטרעקט אויס אַלעמען די האַנט.

צו העלפן יעדן איינעם,
וואָס קען נישט פאַרשטיין
וואָס מיינט דעמאָקראַטיע,
דאָס מיינט — פרייהייט אליין.

נו, שטעלט זיך פאָר,
אַז מיר זיינען אַזוי דעמאָקראַטיש,
מיר פאַרשטייען יעדע זאַך —
נאָר דער שווארצער טאָר ניט גיין
אויפן זעלבן שליאַך,
און געווים טאָר ער נישט קוקן אויף אייך.

אָטערין לוסי, די קעמפערין

בעסי — די ווייסע,
לוסי — ברוין.
זיי פאָרן ביידע אין קאַלעדזש,
פאַרבונדן ווי פלייש־און־ביין.

אָבער ווען זי איז געפאָרן צום קאַלעדזש,
איז אין די גאַסן געווען א גרויסער „מאב״.
אָבער לוסי האָט זיך נישט דערשראָקן,
און איז אריין צווישן „קראוד״.

דאן איז די פאָליציי אָנגעקומען
און לוסין פון דאָרט אַרויסגענומען.
אָבער זי האָט זיי געזאָגט,
אַז זי וועט נישט גיין צוריק;
זי מוז אַריבערגיין די שטורמדיקע בריק.

זי האָט זיי געוואָלט איבערצייגן,
אַז זי וועט זיך נישט דערשרעקן
פאַר זייער כוליגאַנסקן שטעקן.

אַזוי איז זי געגאַנגען
מיטן קאָפּ אַראָפּגעהאַנגען,
ווייל עס האָבן אויף איר געוואָרפן
טאָמייטאָס און אייער
די כוליגאַנסקע דורכגייער.

ווען די פּאָליציי האָט איר צום קאַלעדזש צוגעפירט,
איז איר געזיכט געווען פאַרשמירט.
אָבער אויף די טרעפּ
איז זי געבליבן שטיין,
ווי אַ צאַרטע בלום.

אין אַ פּאָר ווערטער האָט זי אויסגעשריען
מיט די לעצטע כוחות, וואָס זיינען איר פאַרבליבן:

איך וויל לערנען, איך וויל פאָרשן,
ווייל דער מענטש קען נישט זיך אליין
און דענקט, אַז נאָר ער קען פאַרשטיין.

פאַרשטיין פאַרשטייען אַלע,
אָבער נישט אַלע האָבן די זעלבע מעלה.
מיר מוזן אונזער לעבן באַנייען.
עס זיינען איצט נייע צייטן,
איר וועט זיך מוזן בייטן.
אָט אַזוי האָט לוסי גערעדט
ביי דעם קאַלעדזש, אויף די טרעפּ.

דאן איז בעסי צו איר צוגעקומען,
און האָט איר אַרומגענומען,
און האָט איר געזאָגט:

איך וועל מיט דיר קעמפן
פאַר דיין רעכט,
ביז עס וועלן נישט זיין
מער קיין קנעכט.

דאַן האָט די „גאַרד"
זי געפירט מיט פּאַראַד,
ווייל אַלע אירע
ברוינע שוועסטער און ברידער
זיינען אָנגעקומען,
צו פאַרלאַנגען
דאָס, וואָס איז זיי
שוין לאַנג געקומען.

ליטל ראָק

דאָראָטי קונסט —
אַ שוואַרצינקע, אַ שיינע,
איר נשמה'לע —
אַ יונגע, אַ ריינע.

איין פרימאָרגן,
ווען זי איז אין סקול געגאַנגען,
איז לעבן דער סקול
אַ טשוטשעלע געהאַנגען.

דאָס איז פאַר זיי
נישט געווען גענוג,
האָבן זיי געצאַפּט
נאָך אַביסל בלוט:

דו וועסט אין דער סקול
נישט גיין;
ווייל דו הענגסט שוין
אויפן בוים.

און זיי האָבן איר
אין פּנים געשפּיגן,
און מיט שמוציקע ווערטער
איר פאַרטריבן.

און ווען דאָראָטי
איז אַהיים געקומען
האָט ביי איר דאָס לשון
אָפּגענומען.

און זי איז געלעגן
און געטראַכט,
און איר יונג הערצעלע
האָט געשמאַכט.

פאַרוואָס זאָל מען איר
אין פּנים שפּייען
און שמוציקע ווערטער
נאָכשרייען?
אוי, גאָט אין הימל!
וואָס פאַר אַ פאַרברעכן
בין איך באַגאַנגען,
וואָס זיי ווילן מיך זען
אויפגעהאַנגען?

אַזוי איז זי געלעגן און געוויינט,
ביז איר טאַטע איז געקומען,
האָט ער גלייך דערזען
דער טאָכטערס פּנים.

זי האָט אים נישט געדאַרפט
קיין סך זאָגן;
ער האָט אליין
דורכגעמאַכט די פּלאָגן.

ער האָט קיין סך ניט געטראַכט,
ער איז אַוועק אָרגאַניזירן אַ שטאַרקע מאַכט.

אַלע שכנים צוזאַמענגערופן
און זיי דערציילט וואָס עס האָט געטראָפן.

האָט דער גלח אין קירכע געזאָגט:
מיר וועלן זיי שלאָגן צוריק,
ניט מיט שטעקנס,
נאָר מיט ווערטער,
ביז זיי וועלן פאַרשטיין
ווער עס איז גערעכטער.

דער קאַמף אין אַפריקע

מיט אייזערנע קייטן געבונדן,
האַלטן זיי די פאַרשקלאַפטע פעלקער צוריק.
אָבער ניט שטיל וועלן זיי בלייבן —
ביז זיי וועלן דערגרייכן
די פרייע בריק.

די מוטערס מיט קליינע קינדער
שטייען אין ביטערן קאַמף;
זיי קענען שוין מער נישט טראָגן
די נויט און ביטערע שאַנד.

ניט איינער וועט אין קאַמף נאָך פאַלן,
אָבער ניט האַלטן וועט זיי צוריק,
ווייל זיי ווילן מער ניט זיין שקלאַפן —
צעברעכן וועלן זיי די אייזערנע בריק.

מיינע שוואַרצע שוועסטער און ברידער,
איך גראַטוליר אייך
פאַר אייער בראַווקייט, פאַר אייער שטאַרקייט!
איר פאַרלאַנגט נישט קיין סך,
נאָר וואָס באַלאַנגט צו אייך.

אַ לאַנגע צייט האָב איך
געשפּינט און געחלומט זייער אַ שיינעם חלום:
צו ברענגען צו די פאַרשקלאַפטע פעלקער
דעם לאַנג-באַרעכטיקטן שלום.

אויב עס איז נאָך ניט געקומען —
קומען וועט עס זייער שנעל,
ווייל עס קלינגט שוין
אין אַ האַלבער וועלט
די פרייהייט־„בעל״.

אָבער איר מוזט אָנגיין מיט אייער אַרבעט,
און קיינמאָל ניט בלייבן שטיל;
נאָר דאַן וועט איר דערגרייכן אייער ציל.

און דאַן וועלן פעלקער ווערן פריי.
און אונזער וועלט וועט בליען אויף דאָסניי.

פרעמד-געבוירענע

עלים איילאַנד

(מיין איבערלעבונג אין עלים איילאַנד אין יאָר 1922, ווען מיין פאַמיליע איז אָנגעקומען פון רוסלאַנד)

דער טאָג איז שיין, די זון לאַכט,
דאָס האַרץ איז אָנגעווייטיקט פון דעם שמאַך.

שטייסט לעבן ים,
זעסט ווי די כוואַליעס פליסן,
און פון דיינע אויגן טרערן גיסן.

שטייסט און טראַכטסט
און קוקסט זיך גוט איין,
ווי די כוואַליעס קענען
שטיל נישט זיין.

ווען זיי זאָלן קענען ריידן,
וואָלטן זיי אייך דערציילט דעם שמאַך,
וואָס מענטשן האָבן דאָ דורכגעמאַכט.

איך גיב אַ קוק,
ווי אַ כוואַליע האָט זיך צוגערוקט.
הערט אוים:
איך וועל אייך אַלעס דערציילן:
אפשר וועט איר זיי קענען היילן.

איך קוק זיך צו,
און איך הער זיך גוט איין.
צו מיין גרויס וואונדער —
די כוואַליע רעדט צו מיר,
אַזוי שיין און פיין:

ווי קענט איר, מענטשן,
ארומגיין אויף אַזאַ שמוציקער וועלט,
און זען ווי אַלעס ווערט פאַרקויפט פאַר געלט?

די מענטשן —
זיי לײַדן דאָ בײַטאָג און בײַנאַכט.
איר הערט נישט,
ווײַל זיי זײַנען דאָ פֿאַרשפּאַרט.

איך וויים,
איך הער אַלעס וואָס דאָ גייט אָן;
מען לאָזט דאָ קיינעם נישט רעדן, —
מען מוז דאָ זײַן שטום.

בײַנאַכט — ווען זיי ליגן אויף די אײַזערנע בעטן
מיט זייערע קערפּערס,
וואָס זײַנען אויסגעדאַרט ווי סקעלעטן.

דאַן קענען זיי נישט שווײַגן;
דער ווייטיק איז זייער גרויס.
זיי פֿילן, אַז דער לעצטער אָטעם
גייט בײַ זיי אויס.

הויבן זיי אָן ריידן
מיט אַ ביטערן געוויין:
פֿון דאָרטן אַנטלאָפֿן —
און דאָ לאָזט מען נישט ארײַנגיין.

אויב זיי וועלן אונז שיקן צוריק,
איך וועל נישט פֿאָרן!
איך וועל זיך וואַרפֿן מיט מײַנע קינדער פֿון דער בריק.

דאַן רופט זיך אָפּ אַ קינד מיט אַ ביטערן געוויין:
מאַמע, איך וויל נישט אין וואַסער גיין.

וואוהין וועלן מיר גיין?
וואוהין ווילן זיי אונז שיקן?
פון דאָרט וואו מיר זיינען אַנטלאָפן
קוים מיטן לעבן?

וואו מען האָט אונזער הויז פאַרברענט,
אַלעס צוגענומען,
און די פאַמיליע
פאַרברענט לעבן אומען.

זאָלן זיי אונז בעסער דערשטיקן,
איידער אַהין אונז שיקן.
איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און דערוואַכט —
אין חלום האָט זיך מיר אַלעס אויסגעדאַכט.

די רעאַקציע אין אַמעריקע

מיר דאַכט זיך, אַז די מענטשן קענען זען,
ייי די רעאַקציע אַרבעט שנעלער ווי די שפּינען.

און ווען איר רעדט צו די מענטשן
און גיט זיי צו פאַרשטיין,
פאַרדעכטיקן זיי אייך
און זאָגן צו אייך געמיין:

„איר זייט פאַררעטער צו אונזער לאַנד!
איר זייט רוסישע!
איר ווילט האָבן אַ סאָוועטן-לאַנד!"

איך טראַכט צו זיך:
וואָס קען ווערן דערפון?
דער מענטש ווערט דומער ווי געווען.

וואָלט דאָס גאַנצע לאַנד
נישט געשטאַנען אין קאָן,
וואָלטן מיר זיי געלאָזט טאַנצן
נאָך מעקאַרטי'ס טאָן.

אָבער איך זע:
דער צאָרן איז גרויס.

מען מאַטערט אומשולדיקע מענטשן,
און מען שיקט זיי אַרויס.

א סך זיצן אין טורמע
און טראַכטן פון זייער טרוים,
ווען זיי זיינען אַנטלאָפן קיין אַמעריקע, —
געווען יונג, שטאַרק ווי אַ בוים.

און מיט האָפענונג
צו בויען אַ פרייע היים,
נישט בלויז פאַר זיך,
נאָר פאַר אַלע מענטשן,
וואָס האָבן נישט וואוהין צו גיין.

איצט רעדן זיי נעבעך מיט אַ ביטערן געוויין:
פופציק יאָר דאָ געאַרבעט, —
וואוהין זאָלן מיר איצט גיין?

און איר הייסט שווייגן
און לאָזן אַלעם גיין,
און זיך נישט צוהערן
צו דעם געשריי און געוויין.

נישט איך קען בלייבן שטיל:
איך האָב אַ געוויסן,
און אַ מענטשלעכן געפיל,
און איך ווייס, אַז פאַשיזם
איז נישט קיין שפיל.

מיר, פּראָגרעסיווע מענטשן,
וועלן שטיין אין קאַמף
פאַר אַ וועלט אַ ריינע,
אַ וועלט אַ שיינע —
פאַר מיר און פאַר אייך,
אָן אונטערשייד פון קאָליר אָדער שפּראַך.

מען רופט אונז פרעמדע

ווען איך קוק אויפן אַרבעטער, דעם בויער,
דאַן דערפיל איך דעם שרעקלעכן טרויער.

דאָס געזיכט איינגעצויגן,
דער רוקן איינגעבויגן,
פאַרן טייוול האָט ער זיך אויסגעצויגן.

ווייל דער יאָך איז געווען
צו שווער צו טראָגן,
אָן אַ ציל, אָן אַ באָדן.

איך פלעג טראַכטן:
פאַר וועמען בויען זיי די שיינע פּאַלאַצן?
און זיי אַליין וואוינען אין צעבראָכענע שטיבלעך,
אָן בעטן, אָן מאַטראַצן.

אָט דערפאַר
האָט מיר מיין האַרץ געדריקט
און נישט געלאָזט רוען.

און איצט רופט מען אונז פרעמדע
און מען הייסט אונז גיין,
ווייל מיר האָבן שוין אויפגעבויט דאָס לאַנד,
וואָס דאָס הייסט זייער היים.

אָבער ווען מען זאָגט מיר,
אַז איך מוז גיין —
איך דערשרעק זיך נישט
און איך גיב זיי צו פאַרשטיין:

איך בין אַהער יונג געקומען,
אַלערליי אַרבעטן האָב איך אָנגענומען.

אַלע הייזער און פאַבריקן אויפגעבויט,
און אויך געאַרבעט אין פאַבריקן פון געווער;
קיין זאַך איז געווען פאַר אונז צו שווער.

דאָ איז אונזער לאַנד,
דאָ ווען מיר פאַרבלייבן.
אויב די רעאַקציאָנערן געפעלט נישט,
זאָלן זיי זיך פון דאַנען אַרויסקלייבן.

די אימיגראַנטן

אין נײַנצטן יאָרהונדערט,
זײַנען אידן און אַנדערע פעלקער,
געלאָפן פון איבעראַל,
צו בויען אַ נײַ לעבן
אין דעם נײַעם קוואַרטאַל.

מיט זייערע אויסגעדאַרטע ביינער,
האָבן זיי אויפגעבויט אַמעריקע,
פון האָלץ און שטיינער.

און אַמעריקע איז געוואקסן
אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער,
און די אויסגעדאַרטע ביינער
זיינען געוואָרן שטאַרק ווי שטיינער —
ברעכן וועט זיי נישט קיינער.

איצט וויל מען דאָס ביי אונז צונעמען.
מען רופט אונז אַלערליי נעמען,
מען הייסט אונז גיין
פון וואַנען מיר זיינען געקומען.

אָבער די ווערטער
אויף דער פרייהייט-סטאַטוע,
איז דער סימבאָל פון פרייהייט.
קיינער וועט ביי אונז נישט צונעמען
די צוגעזאָגטע טרייהייט.

נישט מעקאַרטי, נישט מעקערן,
און אויך נישט דער סמיט-אַקט ביל,
וועט צונעמען אונזער פרייהייט,
אונזער ציל.

ישראל

די דערוואַכונג פון ישׂראל

ישׂראל,
האָסט דערגרייכט דיין גאַנג,
פֿאַר װעלכן דו האָסט געקעמפט
אַזױפיל יאָרן
מיט דער ביטערער שלאַנג.

דו האָסט קײן סך
נישט פֿאַרלאַנגט:
בלויז דיין היים,
דיין לאַנד.

דו האָסט קײן סך
נישט געוואָלט:
בלויז פֿאַר די אידן אַ היים —
מיר זאָלן האָבן וואוהין צו גיין.

און פֿאַר דעם שטיקל אָרט
האָסטו טויזנטער יאָרן
געקעמפט,
כדי זאָלסט
ווערן אַנערקענט.

עס איז אמת —
מיר זיינען אַ קליין פֿאָלק,
אָבער מיט גרויסע טראַדיציעס.
די מאקאבייער האָט מען אַנערקענט
פֿאַר זייער גרויסער העראָאישקייט,
פֿאַר זייערע שטאַרקע הענט.

פון יענער צייט
זיינען מיר געגוג דורכגעגאנגען.
אין יעדן לאנד, אין יעדער שטאָט
האָט מען אונז געבערענט און אונז געהאנגען.

און דאָס האָט פּאַסירט
אין מיינע צייטן;
ווי עס ווייזט אויס, —
די געשיכטע וויל זיך גאָרנישט בייטן.

אין דייטשלאַנד זיינען די אידן דייטשן געוואָרן,
און נאָכגעגאַנגען די דייטשישע שפּורן,
ביז היטלער איז געקומען
און האָט זיי דערקענט —
און האָט זיי אויך פאַרברענט.

איצט זעען מיר איין,
אַז יעדעם פאָלק
דאַרף מיט זיינע טראַדיציעס שטאָלצירן.
עס דאַרף זיך נישט באַהאַלטן
און נישט נאָכמאַכן יענעמס מאַנירן.

יעדעס פאָלק האָט אלערליי מענטשן.
די נאַטור האָט זיי אַזוי באַשאַפן, —
לאָזט זיי פריי, וועלן זיי זיך אויסגלייכן.

אָבער דאָ מישט זיך אריין
דער שמוציקער קאַפּיטאַל
און מאַכט אַ חורבן איבעראַל.

מיט וועמען האָט זיך פאַרבונדן דער פּרעמיער פון ישראל?

— ווי לאַנג קען דער גאַנג אַזוי גיין?
דאָס פרעג איך די פירער
פון דעם אידישן לאַנד,
און טאַקע זיך אליין.

איך בין אַ מענטש און אויך אַ איד.
איך קען דאָס נישט פאַרשטיין,
און איך קען געוויס
אויף אַזאַ וועג נישט גיין.

ווי אַזוי קענען די פאַרטרעטער
פון דעם אידיש־לאַנד
האַנדלען מיט דער מערדערלעכער
בלוטיקער האַנט?

איך פרעג אייך, הער בן גוריון:
צי הערט איר נישט
די קולות פון די קברים?

איך הער די קולות
טאָג און נאַכט:
„לאָזט זיך ניט שענדן!
ווייזט ארוים אייער שטאָלץ און קראַפט!"

און ווי האַנדלט די רעגירונג
פון דעם אידישן לאַנד?
געקראָגן באַצאָלט
פאַר די קרבנות —
איז דאָס נישט קיין חרפה און א שאַנד?

און איצט איז בן גוריון
געקומען קיין אַמעריקע,
וואָס רופט זיך דאָס פרייע לאַנד,
צו דריקן אַדענאַוערס בלוטיקע האַנט.

א קאַמענטאַטאָר האָט באַמערקט —
די אידן זאָגן:
„ניט פאַרגעסן און ניט פאַרגעבן!"
ווי עס ווייזט אויס,
האָט בן גוריון זיי באַטריגן.

אָרעמע מענטשן,
איר בלוטיקט אומעטום!
איר דאַרשט נאָך פרייהייט,
איר קענט מער נישט זיין שטום!

דערשלאָגענע וועלט,
גיב א הויב זיך מיט מוט!
און הערצער זאָלן שלאָגן
אין איינקלאַנג מיט אייער
שטורעמדיקן בלוט!

איך זע פֿאָראויס גרויסן פֿאַרשריט

וואָס וועט אונז
דאָס נייע יאָר געבן?
איך זע פֿאָראויס
אַ נייעם לעבן.

אַלע פֿעלקער, גרויס, אָדער קליין,
וועלן מער נישט זיין קיין שכנים,
נאָר באַלעבאַטים
איבער זיך אליין.

פֿעלקער מיט פֿעלקער
וועלן אַרבעטן זייט־ביי־זייט —
סיי נאָענטע, סיי ווייט.

אַלע פֿעלקער, שוואַרץ און ווייס,
געל און ברוין,
וועלן אויסוואַקסן,
ווי דער שטאַרקסטער בוים!

און די פֿאַשיסטן,
מיט די נאַציסטן,
וועלן טרינקען לחיים
אין דעם ים.
און זיי וועלן דערטרונקען ווערן
אין זייער אייגענעם סם.

אָבער עס איז נאָך ניט די צייט
צו זיצן מיט פֿאַרלייגטע הענט;
מיר מוזן העלפֿן בויען
אָט־די שיינע, פֿרייע וועלט!

א י נ ה א ל ט

אייגן לעבן

דער שטורעמדיקער וועג ... 7
געפיל פון אַן אַקטריסע ... 8
די פויערים אונטערן צאַריזם ... 9
א בריוו פון א מאן צו זיין פרוי ... 11
אויף א פארם ... 12
דעם מענטשנס פארלאנג ... 13
מיר דארפן ניט זיין קיין בעטלער ... 14
מיין איבערלעבונג ... 15
וואו איז מיין קינד ... 16
מיין לעבן ... 17
מיין טאַטנס גלויבן ... 18
דער קרומער וועג ... 20
דער קאַמף פאַר פרייהייט ... 22
ביים ים ... 24

מיין פאַמיליע

דאָס איז מיין טאָכטער ... 26
מיין קינד ... 27
פאַרטיזאַנקע ... 28
א פאָעמע צו מיין טאָכטער ... 29
צו מיין טאָכטער ... 31
פרייהייט, מיין פרייהייט ... 32
אייניקל מיינס ... 33
מיין שוועסטערס געבורטסטאָג ... 34
צו מיין טייער אייניקל, מעקסין ... 35
צו מיין חברס געבורטסטאָג ... 36
דער צעבראָכענער פוס ... 38
אין אוניווערזיטעט ... 39

קאַלטע מלחמה

די בלוטיקע האַנט ... 43
די קאָנווענשאָן פוןביידע פארטייען ... 44
די ראָזנבערגס ... 46
עלטערע מענטשן מיט קינדערשן שכל ... 48

דער קיניג פון שקלאפן 50
אמעריקע און דער סאָוועטן־פארבאנד 51
דאַלעסעס פרידן 53
דער פינצטערער געוויסן 54
די זשענעווער קאָנפערענץ 56
מיר באגלייטן דאָס אַלטע יאָר 58
די קאַפּיטאַליסטן פאַרלירן א גרויסן העלד 60
כרושטשעוו אין אמעריקע 61
די נייע לבנה 63
מיר זייַנען אריין אין א בלאָטע 65
א בריוול פון מיין זון פון דער מלחמה 67
אונזערע מיליטערישע קעפ 69
איז געקומען די יוגנט קיין וואַרשע 70
די עיטש באָמבע 71
די אַטאָמישע באָמבע 73
מיין רוף צו די פרויען 75
אַ געבעט צום רבונו של עולם 76
דער פארלאנג פון די מוטערס 77

מיינע ברידער

גערעכטיקייט אין מיסיסיפּי 81
אָטערין לוסי, די קעמפערין 82
ליטל ראָק 84
דער קאַמף אין אַפריקע 87

פרעמד־געבווירענע

עליס איילאַנד 91
די רעאַקציע אין אַמעריקע 94
מען רופט אונז פרעמדע 96
די אימיגראַנטן 97

ישראל

די דערוואַכונג פון ישראל 101
מיט וועמען האָט זיך פאַרבונדן דער פרעמיער פון ישראל? 103
איך זע פאַראויס גרויסן פאַרשריט 105